STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 10016

VEN BLETER FALN

J. H. Radoshitzky

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

י. ה. ראַדאָשיצקי

ווען בלעטער פאַלן

לידער

פאַרלאַג „יונג־יידיש"

ניו־יאָרק 1957

WEN BLETER FALN

P O E M S

By J. H. RADOSHITZKY

שער־בלאַט פון פּנחס סקורקאָ

J. H. RADOSHITZKY
c/o Gordon
560 LEFFERTS AVENUE
Brooklyn 3, N. Y.

Printed in the U. S. A. by
SHULSINGER BROS. LINOTYPING & PUBLISHING CO.
21 East 4th Street, New York 3, N. Y.
253

מיט ליבשאַפט

דאָראָטי

מיין טאָכטער

צום פויגל טשיקאַדי

צום פויגל טשיקאַדי

זינגסט, טשיריק-פויגל! — קומסט דערמאָנען מיך אַז אין פעלד איז
אַלץ צעבליט?
דאָס גראָז אויף פליינען איז מיט פרישן טוי באַדעקט און גלאַנציק גרין;
די זאַנגען ווערן גאָלדיק שוין, דעם בלומען-האָניק זאַמלט איין די בין,
און דער הימל קלאָרט, בלוי-קרישטאָל, פון דער יולי-זון צעגליט!

זינגסט, פויגל-טשיריק! — געקומען ביסטו אין דער שטאָט
וועקן מיין געמיט?
פאַלט פון אַ בוים אַראָפּ, אין מיין האַרץ אַריין, דיין יעדער קלאַנג,
און וועקט מיין בענקשאַפט אויף צו דער בלום אין פעלד און יעדן זאַנג,
צו יעדן פויגל-טרעל, וואָס פלאַטערט איבער לאָנקעס מיט זיין ליד!

זינג, פויגל-טשיריק! — דיינע זילבער-טרעלן וועקן אויף
אין מיר אַ וועלט:
כ'הער דעם רויש פון וואַלד, כ'זע די פייערדיקע קאַרשן הענגען
אויפן בוים,
דעם טייך וואָס שטראָמט דורך גרינע לאָנקעס, איינגעראַמט
אין אַ זילבער-שוים,
און דער קלאָרער הימל שפּיגלט זיך אין אים, אַטלאַס-בלוי, גאָלד-צעהעלט!

— וואָס האָט פאַרטראָגן דיך צום רויש פון שטאָט — וואָס האַלט מיך
אין זיין צוואַנג,
די ליבשאַפט מיינע צו דיין זומערדיקן ליד, וואָס ציטערט ווי דער
טאָן פון פלייט?
איך ווייס: דו ביסט געקומען ברענגען צו מיין זעלע ליכט און פרייד!
שיק איך דיר מיין גרוס, טשיריק-פויגל, און כ'בויג מיין גרויען
קאָפּ פאַר דיין געזאַנג.

י. ה. ראַדאָשיצקי

וואונדער

אין מזרח־זייט ווערט דער הימל מאַט, און בלוי פאַרלאָפן,
עס לעשן זיך אין אים די פינקלענדיקע טרויבן.
ווי אַ יונג־פרוי קוקט פאַרבענקט דורך בלאַסע שויבן —
בלייכט דער מאָרגן־שטערן צו דער ערד אַראָפּ פאַרשלאָפן.

עס הייבט שוין אָן מיט שטרייפן גאָלד דער טאָג צו קלאָרן.
די ביימער וואַכן־אויף מיט פרישן ליכט, ווי אָנגעצונדן.
שטיל איז די נאַכט איבער וואַלד און באַרג פאַרשוואונדן,
אויף די בלעטער גליען טראָפּנס טוי, ווי קליינע שטערן.

דער טאָג איז אויפגעגאַנגען אין אַ קרוין פון שטראַלן.
די גרינע אַטלאַס־פעלדער האָבן זיך מיט ליכט צעזונגען!
מיט גלעקלעך זילבערנע האָבן פייגל זיך אין וואַלד צעקלונגען:
די זון עפנט ברייט איר גאָלדן־האַרץ איבער אַלץ מיט שטראַלן!

איך ווענד מיין בליק צום אויפגאַנגס פייערדיקן טאָגן,
און פיל ווי מיין האַרץ הייבט־אָן מיט פרייד צו שלאָגן.

ליכט

מיט בינטן גאָלד שפּיגלט זיך די זון אין מיינע שויבן,
מיין שטוב ווערט העל מיט קלאָרן ליכט, מיט זומער-גריסן:
גוט איז מיר די פרייד פון פרישן אויפגאַנג צו געניסן,
צו זעטיקן מיין האַרץ מיט ליכט, ווי מיט וויין פון טרויבן.

איך שפּרייט פאַנאַנדער גיך דעם פענצטערס ווייסע שטאָרן —
זאָל שטראָמען פריש די זון צו מיר אַריין און קוואַלן!
אויך אין מיין האַרץ גייט-אויף אַ זון מיט כוואַליעס שטראַלן,
און וועקט מיין גוף מיט פרייד אויף, ווי נײַ געבוירן.

איך ווענד די אויגן צו דעם בלויען הימל, שטיל דערהויבן:
עס זינגט מיין האַרץ צו אַ ווייסן וואָלקן אין זיין ציען,
און ס׳פלאַטערט-מיט מיין זעל, ווי פויגלס גליק אין פליען.
גוט — וואָס מיינע ליפּן קאָנען נאָך גאָטס וואונדער לויבן!

טרינק איך ס׳גאָלדן ליכט, ווי פון אַ פאַס דעם וויין, שוין רייפן —
זינגט מיין האַרץ: נאָר דו מיין גאָט, דו קאָנסט מיין פרייד באַגרייפן.

ווי דער ווײַן אין לאָגלען

מײַן לעבן איז נישט אַוועק דאָ אָן ציל פֿאַרלוירן,
מײַן יעדער טאָג געווען — דער טאָג צום גוטן.
ווי זאַנגען, פֿולע, ווערן רײַפֿער דורך מינוטן —
האָט מיך, דאָ, יעדער זון־אויפֿשפּראָץ נײַ געבוירן.

מײַן צײַט איז פֿול געווען מיט שאַפֿן און מיט מיען,
ווי דער מענטש ביים אַקער, פֿרילינג, אויף די בייטן.
און אויפֿגעלויכטן האָבן מײַנע פּירות, דורך די צײַטן,
דער הימל זיי געבענטשט מיט טוי, אין גאָלדן בליען.

ווען קומען ווינטער, אין מײַן וועג, מיט ווינטן האָגלען,
מײַן שייער בלײַבן ווײַס־באַדעקט מיט קופּעס שנייען,
און שלאָפֿן מײַנע פֿעלדער אונטער די זאַווייען —
וועט זעטיקן מײַן האַרץ דער ווײַן פֿון מײַנע לאָגלען.

רײַף געוואָרן זײַנען מײַנע טעג, ווי ווײַן אין לאָגלען,
און פֿרייד־בטחון מיך באַגלייט אין מײַן לעבנס־וואָגלען.

די זון גייט־אויף

די זון גייט-אויף — אַ ים אין פייערדיקע רינגען !
אַ זילבערטוי שעמערירט אויף די גרינע בליטן.
אויף לאַנקעס שפּרייט דער הימל אויס אַ טיול צעגליטן,
און ס׳פלאַטערן מיט פרייד די ווייסע שמעטערלינגען.

מיט אַ פרילינג-ליכט צינדן זיך די ביימער־שטאַמען.
אַלץ האָט אויפגעוואַכט פון זיין דרימלענדיקן שווייגן ;
מיט אַ צעשטראַלטן בלענד גלאַנצן פריש די גרינע צווייגן,
מיט קרוינען אויף די קעפּ און די קרוינען פלאַמען !

דער טאָג בליצט-אויף מיט יובל-פרייד אויף אַלע וועגן,
וועקט-אויף די ערד אויפסניי מיט נייע לעבנס-שטראָמען ;
ווי קרישטאָל-קלאָר ציען זיך דעם הימלס בלויע רוימען
און טרינקען פעלדער אָן מיט ליכט און מיט אַ גאָלדן רעגן !

אַזוי קומט אָן דער פרילינג-טאָג גאָטס ליכט צו שפּרייטן
און וואַרפט זיין גאָלד אויף יעדן פלאַנץ און קושט די בייטן.

י. ה. ראַדאָשיצקי

ס׳איז שטיל

דער האַלבער זומער־טאָג איז רײף, די זון גליט אויפן טײך.
די װערבע־צװײַגן בײַם ברעג הענגען אין אַ דרימל.
אַ בלויער, זײַדענער װאָאַל — װיקלט זיך דער הימל.
אַ װײַסער שמעטערלינג היפּט פון בלום צו בלימל.
עס בלענדן פּאַסן ליכט, ציטערדיקע אויפן טײך.
אַ װינטל לאַסטשעט צאַרט די װערבן־צװײַגן, װיגט זײ װײך.

ס׳איז שטיל די לופט. די זון גליט איבער פעלדער, זאַנגען.
די קאַרטאָפל־בלימלעך שמײכלען פון די בלעטער.
אַ װינטל טראָגט מחיהדיקע מיענטע־ריחות אינעם װעטער,
ס׳איז אַ נחת פאַרן האַרץ צו אָטעמען דעם עטער
פון די גרינע סאַמעט־לאָנקעס, מיט די רײפע קװײטן.
קוים־קוים עס באַװעגן זיך אין פעלד די קאָרן־בײטן.

עס רוט דער יולי־טאָג אין פעלד אויף רײַכע פאַרבן.
די זון שװימט אויפן טײך, װאָס שטראַמט מיט זילבער־קאַרבן.

זומער

גענעפנט האָט די ערד איר פּראַכט, דער זומער גליט.
דער הימל בלויט, די זון באַשיינט די ערד פון אַלע זייטן,
עס פאַלט איר גאָלדן ליכט אויף גראָז און בייטן.
מיט שטראַלן ליכט באַגאָסן הייבן זיך די ווייצן־זאַנגען.
די קאָרן־קעפּלעך אויף די שטענגלעך, גאָלדיקן אין רייפן.
די רויזן — קנאָספּן זיך, רויטע, ווייסע, געלע — אַטלאַס־שלייפן.
די האָניק־בינען פלאַטערן אויף בלומען־פּעכערלעך, געניט.
עס זינגט די ערד צעבליט איר יום־טוב־ליד!

עס זינגט די ערד צעבליט איר יום־טוב־ליד —
פון יעדן גרעזל, צווייגל, פון יעדן בייט מיט זאַנגען.
ס'גייט אויף די שפע רייך און פול, מיט ברויט און ווייניען.
און איבער אַלעם פאַלט אַ זילבער־טוי, מיט אַ שיינען.
אויףביימער רויטלען פּירות פון די גרינע צווייגן,
טרויבן זאַפּטיקן אויף שטענגלעך, וויקלען זיך און בייגן.
פייגל פלאַטערן, געזעטיקטע, מיט זיסע טרעלן.
די זון הענגט גליענדיק און די הימלען קוועלן.

די זון הענגט גליענדיק און די הימלען קוועלן,
און בענטשט די ערד, ס'זאָל וואַקסן אַלץ, געדייען —
עס זאָל אַ קערנדל נישט פאַרלוירן גיין, ביים פאַרזייען:
צו זעטיקן די וועלט מיט ברויט, מיט ווייַן און מיט געזאַנגען!
שפּראָצט די שפע רייך, אַוואו נאָר דיינע אויגן גרייכן;
דאָס ווייזט די ערד אַרויס צו דיר איר ליבעס־צייכן —
זי ווייזט וואונדער דיר, גרייט דיך צו דערפרייען:
דיין גוף צו זעטיקן און דיין לעבן צו באַנייען!

י. ה. ראַדאָשיצקי

צווישןביימער

אָפּטמאָל, ווען דו שפּאַנסט צווישן ביימער אין אַ וואַלד —
נעמט אַ בוים אין אַ מענטש־געשטאַלט פאַרוואַנדלט ווערן.
דו האַלט נאָר וואָך דיין האַרץ, און אָפן דיין געהער —
און ווערטער, איידעלע, וועסטו אין זיין רויש דערהערן:

— דו ביסט אַ טרוימער — דוכט זיך, זאָגט צו מיר דער בוים.
דו זיצט דאָ אונטער מיינע צווייגן אין אַ טרוים.

בלייב איך שטיל, צו הערן ווייטער זיינע רייד:
— דו האָסט דיין לעבן דורכגעוואַנדערט, פול מיט לייד;

שלעפּסט ווייטער אויף די פּלייצעס — יאָרן, אוי, ווי שווער — — — —
הייב איך אויף די אויגן, צו אים, מיט אַ טרער.

— וועסט שוין לאַנג נישט טרערן — הערן איך רוישט דער בוים —
ווייסט דאָך, אַז דאָס גאַנצע לעבן איז אַ טרוים — — —

זונפאַרגאַנג

וויפייערדיקעקאָלאָסעאוםטרעפּן,
פלאַמטגאָלדיקאויף,איןשקיעהשעה,
דיזוןאיןמזרחזייט.
דערטאָגמאַכטצוזייןאויג,פאַרגייט.

ווי כוואַליעס געשניטענע פון גאָלד און פייערן,
געשטרייפט פון ליכט אין פיאָלעט-שלייערן,
עם הילט די וועלט אַרום אין רויטן-דעמער,
מיט אַן אָוונט-אומעטיקן זמר.

ווי גאָלדענע שטראַלן-האַרפן ציטערט אַ געזאַנג
צו וועלטס אַנטפלעקטער פּראַכט,
וואָס שפּרייט זיך אויס מיט פייערדיקע פליגל,
מיטן אָנקום פון דער נאַכט...

אַזוי, אַזוי, וועט אייביק שוין,
אויפשטראַלן דעם הימלס פייער-קרוין —
אין דער דעמערונג-שעה,
און אָנצינדן מיט פייער-בליצן,
ימען, וועלדער און בערגער-שפּיצן —
און אויסלעשן זיך, איינוויגן די ערד
מיט אַ געזאַנג: ס'איז נאַכט!

שטערן

זע — עס האָבן זיך שוין אָנגעצונדן מיליאָנען קנויטן,
די קאָלירן בייטן זיך — בלוי־פיאָלעט, גרין און געל — פון ווייטן.

דאָרט שוועבן אפשר אין די הימלען, הויך, נייע וועלטן? —
מיט לאָמפּן אין די פענצטער, וואָס לייכטן פון געצעלטן?

און אפשר פינקלען, אויבן דאָרט, בריליאַנטן, אין דעם הימלס ספערן —
און מיר — די קינדער פון דער ערד — רופן זיי: לויכטנדיקע שטערן!

צ י י ט

די צייט, זי שאַרפט איר בלאַנקע קאָסע
און שניידט־אָפּ ווילד די לעבנס־זאַנגען.
ווען זומער פלאַטערט מיט געזאַנגען
און צערטלט בלום מיט זילבער־ראָסע.

די טעג יאָגן זיך מיט געוויטער,
צאַנקען גיך אוים, רויט אין פלאַמען.
ווער קען דעם ברויז פון ים איינצאַמען,
ווען ס׳רעשט דער תהום אויף מיט געוויטער?

צייט — סעקונדן, טעג און יאָרן —
זיי שוועבן גיך, ווי פויגל־שאַרן.
ווער קען דעם וועג זיי דען פאַרשפאַרן,
אונטער הימלישע לאַזורן?

נאַכט אין פעלד

עס שווימט די לבנה איבער פעלדער גרינע, פייכט און קיל.
אויף די סאַמעט-לאָנקעס גלאַנצט אַ בלוי-דינער קרעפּ.
ווי אַ כלה, ווען זי שטייגט אַרויף צום טעמפּל, איבער ווייסע טרעפּ,
און דער חופּה-שלייער גליטשט זיך נאָך גראַציעז, מיט אַ שלעפּ.
און די ווייסע שטיינער קושן אירע טריט און זינגען שטיל.

אַ ווינטל פליט און גיט די צווייגן דאָ-און-דאָרט, אַ גלעט.
ס'איז שטיל די נאַכט. דער הימל איז מיט שטערן פול גאָלד און בלוי.
אויף גרינע פלאַנצן הענגען דימענט-טראָפּנס קלאָרער זילבער-טוי.
— דאָס בילד האָט זיך פאַר מיר אין אַ יולי-נאַכט אַנטפּלעקט
און האָט צו מיר געבעטן: שרייב עס אויף, פּאָעט!

דהי אָלד מען

—וואָס רופט איר מיך — דער אַלטער מאַן? —
עס איז מיין הארץ נאָך יונג און קאָן נאָך זינגען,
נאָך טרוימען מיינע טעג און נעכט
ווי אין אַ מדבר־נאַכט ווען די קעמל־גלעקלעך קלינגען. —

— וואָס רופט איר מיך — דער אַלטער מאַן? —
ווייל כ׳בין געבענטשט פון גאָט מיט די ערשטע זיבן?...
— איך וועב דאָך טרוימען פאַר אייך און איך בענק
צו זינגען פאַר אייך לידער און אייך ליבן...

— וואָס רופט איר מיך — דער אַלטער מאַן? —
איך הויב ערשט אָן פון לעבנס־בעכער צו געניסן:
איך ווער נאָך פון דעם ערשטן שניי־פאַל יונג דערפרייט,
דעם ערשטן פרילינגס־בעז מוז איך נאָך באַגריסן!

— וואָס רופט איר מיך: — דער אַלטער מאַן? —
מיין קאָפּ איז ווייס? — דאָס קומט פון יאָרן שווערע ליידן...
דאָס קומט פון יאָרן צער. איך טראָג דאָס אין מיין הארץ,
און נאָר דער קבר וועט אַמאָל מיט זיי מיך שיידן.

גרויע וואָלקנס

גרויע וואָלקנס, האַרבסטיקע, שווימען אין געיעג,
זיי טראָגן מיינע אָפּגעלעבטע יאָרן איצט אין וועג.
— וואָס פליט איר, וואָלקן־מחנות אַזוי גיך? —
צי אנט איר נישט איר טראָגט מיין לעבן דאָרט, מיט זיך?

איך באַגלייט אייך — יאָרן מיינע — גרויע וואָלקנס:
מינוטן פרייד, און שווערע צייטן פול מיט צער —
אויף אייך דאָרט, ליגן זיי, אַלע מיינע איוב־טעג — — —
גרויע וואָלקנס, האַרבסטיקע, שווימען אין געיעג.

האַרבסט־טענער

די גרילן אויף די לאָנקעס הויבן אָן שוין זעגן.
די קאָרן־זאַנגען זיינען לאַנג שוין פון די פעלדער אָפּגעשניטן.
די ערד האָט אָפּגעגעבן רייך איר גרויס פאַרמעגן.
דיביימער שטייען אומעטיק און נאַס, דורכגעווייקט פון רעגן.
די בלעטער ווערן מאַט און פאַרמעט־געל די פאַרבן.
און דאָס קרויט וויקלט זיך שוין רונד, אין רייפע קאַרבן.

די ווינטער־עפּל אויפן בוים הייבן אָן שוין רויט צו ווערן,
הענגען אויף די צווייגן, זאַפטיקע, שמייכלען פון די בלעטער.
מיט אַ זיסן עפּלוויין שמעקט דאָס האַרבסטיקע וועטער.
וואו־נישט־וואו ציטערט נאָך אַ בלימל פון די גראָזן.
פייער־פליגן צינדן זיך און לעשן. קילע ווינטלעך בלאָזן.
זילבער־נעפּלען דעקן פעלדער צו, מיט טראָפּנס טוי, ווי טרערן.

די גרילן זינגען האַרבסטיקע אין פעלד און זעגן.
אין הימל ציען זיך די וואָלקנס מיט ווינט און רעגן.

האַרבסט

אויף די לאָנקעס בייגט זיך שוין דאָס גראָז, פון ווינט געריסן.
דעם ווינטער-עפּל אויפן בוים, הייבט דער וואָרים אָן צו נאָגן.
די הימלען — טריב און מאַט, גרויע וואָלקנס שניידן זיך און יאָגן.
די בלעטער — געל און פאַרמעטיק, ציטערן און פאַלן.

אַ פאַרנעפּלטע גייט-אויף די זון, מיט בלאַסע שטראַלן.
די פעלדער הילן זיך אין אַ קאַלטן טוי, מיטן טאָגס באַגינען.
פון צווייג-צו-צווייג וועבן נעצן, האַרבסטיקע די שפּינען.
ווינטן, קאַלט, ברומענדיקע, יאָגן ווילד און בלאָזן.

די ביימער שטייען נאַקעטע, טריב און אויסגעצויגן.
די פייגל יאָגן זיך אין וועג, פליען צו די וויטע וועלטן,
זיי שוועבן אונטער גרויע הימלען גיך אַוועק, פון די קעלטן ;
ווי הויך זיי ציען מחנות-ווייז, ווי שיין זיי פליען —
וואו ס׳גאָלדיקט נאָך די זון און די פעלדער בליען.
ווי גיך די בליענדיקע צייט איז דאָ פאַרביי-געפלויגן !

אָקטאָבער

אָקטאָבער־בלומען — געל און איינגעטריקנט,
עס שיינט די זון אַן האָפענונג אויף אייך אַצינד;
די אומעטיקע קעפּלעך, אייערע, וויגן זיך אין ווינט,
און דער הימל ציט זיך איבער אייך, מאַט און גרוי.
אין אייער בלאַסן גאָלד, דעם האַרבסטיקן —
ליגן טרוימען נאָך, פאַרבאָרגענע, פון פרייד און גליק;
פון העלע טעג, פון בלויע נעכט מיט הימלישער מוזיק,
וואָס האָט געזעטיקט אייך מיט זאַפט און טוי!

איצט שטייט איר דאָ, פאַרלאָשענע, געבויגענע,
נאָר ווינטן זינגען אייך פון טויט, און גלעטן צאַרט,
און וויגן אייך צום שלאָף איין — קאַלט, פאַרשטאַרט,
און טראָגן אייערע בלעטלעך, טויטע, ווייט אַוועק.

י. ה. ראַדאָשיצקי

דעצעמבער

אַ קאַלטער רעגן שניידט און פליקט די בוימער אויף די וועגן,
די לעצטע בלעטער פאַלן, ליגן אָנגעפּוישט ;
עס שרייט און רייסט דער ווינט, די צווייגן נאַקעטע צערוישט,
גרויע כמאַרעס יאָגן זיך באַלאָדנטע מיט האָגל־רעגן.

עס פאַלט דער האָגל־אייז, די וועלדער ציטערן געבויגן,
די גרויע שווערע וואָלקנס שניידן זיך און יאָגן :
זאַוויערוכעס שנייען ברענגען זיי צעטראָגן —
ווייס, די הייזלעך וועלן שטאַרצן, ווי שניי־סטויגן !

די נאַכט איז פרירִיק־קאַלט, מיט אומרו לויפן ווינטן, ברומען,
נאַסע פאַלן ציטערדיק די געלע בלעטער :
אומעט הילט אַרום די ערד, מיט זיין כמורנעם וועטער,
מיט טאַרבעס שניי־געהוזש וועט דער ווינטער באַלד אָנקומען !

דער טייך וועט זיין מיט אייז פאַרדעקט, גלאַנציק־ווייס און פרירן,
און וועלדער וועלן זיך מיט אַ זילבער־פּוך באַצירן !

ווינטער

ווי קאַלט און גרוי דער הימל ציט זיך איבער מיר.
די לעצטע געלע בלעטער, ליגן שוין פאַר מיינע טריט.
איך קוק מיט טרויער אויף אַ געלן פאַרמעט־בלאַט,
און כ׳הער אַ רויש פון ווינט: צי ביסטו רייף שוין פאַרן שניט?

דער ווינטער קומט און ס׳שפּרייט זיך איבער מיר קעלט און פראָסט,
און אַלץ, וואָס האָט געלעבט, איז איינגעהילט אין ווייסן שניי.
די זון ווערט גרוי פאַרדעקט, איר גאָלדן ליכט איז מאַט
און פון הימל ציט זיך איבער מיר, אַ זילבערנער זאַוויי...

די פעלדער בלייבן וויסט. די ביימער, נאַקעט, שטאַר און טויט.
אַ ווייסע מדבר איז די וועלט. איבער איר פליט אַ קראָ...
וואו איז די זון, וואָס האָט די ערד מיט פרייד צעבליט,
און לוסט געוועקט, געטריפט מיר אין מיין האַרצן, גליק און רו?

איך שפּאַן. די לעצטע געלע בלעטער ליגן טויט פאַר מיינע טריט.
דער הימל, פול מיט גרויע וואָלקנס איבער מיר זיך ציט —
בלייב רואיק, דו, מיין האַרץ, נישט טרויער מיין געמיט,
נאָך האָסטו נישט געזונגען מיר דאָס לעצטע ליד!...

י. ה. ראַדאָשיצקי

אַמעריקע

וואויל צו אייך, מענער, וואָס יאָגן זיך מיט לעבנס-רויש
אין די אויטאָס, איבער די גאַסן פון מעטראָפּאָל — ניו-יאָרק!
און וואויל צו אייך, די וואָס איילן זיך מיטן טאָג-אויפשפּראָץ,
מיט פרישן מוט, מיט רייפע מוסקול, צו דער עבודה!
איך הער די שפּרייזן קרעפטיקע, זייי הילכן,
מיטן ריטם פון דער יוגנט, אויסגערוט צו שאַפן.

וואויל צו אייך, יונגע קינדער פון די ליבע היימען,
פריש-אויפגעוואַכטע, וואָס הילכן מיט געזאַנג און טאַנץ
אונטער די בלוי-געלייטערטע זומערדיקע הימלען.
איך זע ווי די הימלען קוואַלן מיט שעפעדיקע ליכט און גאָלד.
און איבער אייך, ווי פרישע ימים-ווינטלעך,
שוועבט די קינדער-פרייד אַרוים פון אייערע גלידער.

און וואויל צו אייך, מאַמעס, טעכטער, פון אונזער ברייטן לאַנד,
וואָס שענקען נייע דורות פון דער מוטער-טראַכט.
צי הערט איר די בענטשונג, וואָס נידערט איבער אייך?
צי פילט איר דאָס געזאַנג פון דער וועלט, וואָס זינגט אין אייך?

איך בליק אויף דעם קאַרנאַוואַל פון קאַכנדיקן לעבנס-ים:
די מענטשן-מאַסן און קינדער-מחנות פול מיט פרייד,
וואָס רוישן ווי די פריירי-וועלדער און ווי די כוואַליעס פון אַטלאַנטיק
מיט אַ ריטמישן געזאַנג, וואָס רייסט זיך צו די הימלען,
און ווי די רייכע ערד, וואָס זינגט מיט שפע,
פון אונזער פרייען לאַנד, אַמעריקע!

שטאַמען

שטאַמען

אין שטילקייט איז אַ בוים, ווי אַ הויכער ריז געשטאַנען.
די זון האָט קוים אַדורכגעשניטן זיינע שטאַרקע צווייגן.
איך האָב געמורמלט שטיל: ווער ווייס, ווי אַלט עס איז דער
דעמב אין יאָרן?
— דערהערט האָב איך אַ בלעטער-שאָרך, ווי ר׳וואָלט געוועקט זיך
פון זיין שווייגן.

— דו פרעגסט, ווי אַלט איך בין?
פרעג דעם זון-אויפגלי, וואָס האָט דעם ערשטן בליץ
ביי אדמען באַלויכטן.
פרעג די ערד, וואָס טוט מיט זאַפט די וואָרצלען
פון מיין שטאַם דערנערן.
פרעג דעם הימלם קלאָרע זילבער-טרערן,
וואָס פאַלן איבער מיר מיט דונערן און בליצן.
די לבנה פרעג, וואָס קילט מיט בלויע שטראַלן
מיינע אויסגעשטרעקטע צווייגן-שפּיצן.
די גרעזלעך פרעג, ביי די אָדערן פון מיינע פיס,
— אפשר ווייסן זיי, ווי אַלט עס איז דער ריז?

— ווי אַלט איך בין? איך דאַרף נישט ציילן טעג און יאָרן.

איך פיל נאָר אַז איך קום פון אַ שטאַם אַן אַלטן,
וואָס כוחות ריזיקע, ליגן אין זיין גוף באַהאַלטן.
דער ווילדסטער שטורעם, וועט אים נישט צעברעכן.
ווילסט ציילן מיינע יאָרן? צייל זיי אין די קאָרע-שפּאַלטן,
אין יעדן קאָרב ליגן סודות אייביקע באַהאַלטן...

מיין טאַטע

מיין טאַטע האָט געפונען טרייסט אין קאַפּיטלעך תהלים.
און איך געפין מיין פרייד און טרייסט אין צאַרטע לידער.
מיין גאָט! — ווי וואויל איז מיר ווען דו חלומסט מיך אריין
אין אַ צויבער־וועלט, פון מיינע דיכטער־ברידער!

מיין טאַטע האָט געלייטערט זיך אין רו פון שבת, יום־טוב,
זיין האַרץ געטרונקען וויין און ליכט, ביי די זמירות.
זיין בענקשאַפט גליט נאָך טיף אין מיר, און זיין ניגון,
ווען ס'צינדן פלעמלעך אָן מיין האַרץ, ביים שלייפן שירות.

פרום געטרוימט האָט מיין טאַטע, שטיל געגאַרט צו טאָן אַ מצווה.
זיין גוף געטובלט זיך אין בלוי, ביים מחדש זיין לבנה.
מיט יעדן זון־אויפגאַנג — באַקרוינט זיין קאָפּ מיט דעם של־ראש,
ווי אַ פּרינץ, אין אַ גאָלד־עטרה, געדאַוונט מיט אמונה.

אויך מיין האַרץ איז פרום און ריין, זינגט תפילות צו די הימלען,
און צו דער ערד, אין פרילינג, ווען זי שטראַלט מיט וואונדער:
איך זינג אַ הימן צו יעדן פלאַנץ און בוים, פון דער זון באַשיינט,
מיין נשמה גליט מיט ליבשאַפט, גאָט, צו דיינע וואונדער!

בדמיך חיי!

געבוירן איז אַ ייִנגעלע ביים ייִדישן גביר.
מען פוצט דאָס הויז, דאָס קופּער און די זילבער־טאַצן.
די צאַרטע מאַמע שיינט. אַ יום־טוב איז אין הויז,
ווער קען אַ שמחה, אַ ייִדישע, אָפּשאַצן?

שטראַלט־אויף דער טאָג פון ברית, זינגט די שטוב מיט פרייד.
דער „פּאַלאַץ" איז מיט מצווה־ליכט, באַלויכטן.
פון שטריימל שטראַלט דער גביר, עס בלענדט זיין שוואַרצע באָרד,
עס גלאַנצט די אַטלאַס־קאַפּאָטע, פון גליק דערגרייכטן.

מיט הדרת־פּנים־ייִדן, דער זאַל ווערט פול.
מיט זילבער קוועלן טישן, ווייס באַצוועלטע.
די קאַנדעליאַברעס בליצן־אויף מיט יום־טובדיקן גלאַנץ
אויף ייִדן פריילעכע, צעהעלטע.

בדמיך חיי! — דער ברית־אברהם שטראַלט און זינגט:
— געפּעסטיקט ווערט דער בונד מיט גאָט פון דיינע בלוטן.
אַ צווייג פון אַלטן פאָלק, דו ווערסט אַצינד, מיין קינד,
פון פאָלק, וואָס האָט פאַר זיין „אחד" פיל געליטן...

עס זינגען מיט די ווענט: בדמיך חיי,
און ס'ווערן נאָס ביים קינד די ליפּעלעך און וויינען.
דער מאַמעס שוואַרצע אויגן, ווערן פייכט פון פרייד
ווי די מאַמע רחל, אירע אויגן לייכטן, שיינען.

זי בלענדט פון זיידגעוואַנט אַרויס, ווי אַ שיינע רויז.
עס פינקלען שאַרפעס, סטענגעס, דימענט ציטער־נאָדלען.
עס לייכטן פון די טאַצן, גאָנשערס ווייִן און פלאַשן מעיד,
עס גאָלדיקן די לעקעכער, די טאָרטן און די שטרודלען.

און הענט פון ייִדן פלעכטן זיך: לחיים בעל הברית,
מיט הענט, וואָס שטרעקן זיך מיט ברען: לחיים, ייִדן!
געזאַנגען שאַלן פריילעכע אין דער נאַכט אַריין —
דאָס פּראַוועט מען אַ ברית ביים פריץ ייִדישן, צווישן ייִדן!

אַן אָוונט מיט י. ל. פּרץ

דער זאַל איז אַ שמאָלער, אַ לאַנגער, אַ טעמפּל פאַר „זמר״,
אַ רונדער סופיט, מיט שטערנדלעך קליינע, וואָס ווינקען;
די מיסטישע לעמפּלעך, פון פענצטערלעך — נישן —
זיי שימערן קוים-קוים, מיט בלוי-ליכט, פאַרבאָגן.

אָט קומט אָן דער דיכטער, דער שאַפער געבענטשטער —
געגענט צו דער בינע, באַגלייט פון צוויי „יונגע״.
עס הייבן זיך הענט אויף, דער זאַל הילכט מיט ליבשאַפט —
עס דוכט זיך, סע רוישן אויף כוואַליעס אין שטורמישע ימען!

און שטאָלץ גייט דער דיכטער, דער קאָפּ שוין באַזילבערט —
געבענטשט מיט די יאָרן פון רייפקייט צו דענקען.
דער גוף אַ מאַסיווער, די אַקסלען באַלאָדן מיט טרוימען —
אויף זיי הענגט ראָמאַנטיש אַראָפּ די פעלערינע.
אַזוי ווי אַ קעניג וואָס שטייגט צו זיין טראָן אויף —
שטייגט ווירדיק דער דיכטער אַרויף אויף דער בינע.

מיטן ליכט פון זיין לויטערן פּנים, ווערט ליכטיק די בינע
די אויגן, בלוי-גרויסע — זיי שטראַלן מיט חכמה און בינה.
און הונדערטער הערצער, זיי ווערן מיט אים באַלד באַהאַפטן,
זיי ווערן מיט ליבשאַפט צו אים און זיין וואָרט צוגעבונדן!

זיין וואָרט ווערט אַ האַרפע, זיין יעדער שורה באַצויבערט,
און זינגט זיך אַריין טיף אין האַרץ, צינדט אָן די נשמה,
און יעדערער וואָרט זיינער גליט-אויף — אין דיר — טיף די פלעמלעך,
וואָס וועלן שוין לייכטן און וועקן און מאָנען...
פאַר יענע וואָס גלויבן און ליידן און האָפן,
און לעשן זיך אוים שטום, ווי ליכטלעך אין האַרבסטיקע ווינטן,
און ווערן ווי האַרבסטיקע בלעטער פון לעבן פאַרשוואונדן.

ביינאַכטביי דעם פּרץ־סקוועד

ביינאַכט, ווען די גאַס ליגט איינגעדרימלט, ביי דעם פּרץ־סקוועד —
מיטן נאָמען אויפן סלופּ דעם אייזערנעם, דעם הויכן —
(ווען די אַלטע הייזער שלאָפן אונטער העלע שטערן) —
דערזעט מען פון אַ זילבערנעם טומאַן אַ גייסט אויפטויכן,
נביאיש בלייבט ער שטיין פאַר דיר — אַ ליכטיקע געשטאַלט,
דאָס פּנים מיסטעריעז, איז זילבער־מאַט באַשטראַלט,
די גרויסע מילדע אויגן לייכטן טרוימענדיק צעבלענדט,
ער האַלט אַ ספר, מישט די בלעטער מיט די צאַרטע הענט.

אַרום אים — טויכן שאָטנס אויף, סודותדיק און מאַט —
דו זעסט קיין פּנימער, נאָר קעפּ באַשטריימלטע, מיט גרויע בערד,
אין אַטלאַס־זשופּיצעס, גאַרטלען טראַלזיקע, וואָס גרייכן ביז דער ערד,
די ווייסע הענט, די איידעלע, זיי ציען זיך צו אים מיט אַ געבעט,
ווי כהנים ביי דעם דוכענען — שטרעקן זיך די הענט צו דעם פּאָעט,
וואָס שטייט ווי אַ שטראַלן־זייל און בלעטערט בלאַט נאָך בלאַט: —

דו הערסט די בלעטער רוישן ווי כוואַליעס אינם ים, ביינאַכט,
ער שטייט אַרומגערינגלט פון נשמות הייליקע, פון „די גאָלדענע קייט״.
די אַטלאַס־פּאָלעס בלאָזן זיך אין ווינט, די לאַנגע בערד צעוויייעט,
די שאָטנס וויגן זיך, דו הערסט ווי אַ געפּליסטער — פון אַ ווייטער וועלט.
זיי בייגן זיך צום מזרח־זייט, צום מערב־זייט ,ווי ביי תּפילות, פרום,
די נאַכט איז פול מיט צער, דו הערסט אַ סודותדיק געזשום:

דאָס קומען זיי, נשמות לויטערע, פון די ווייסל־ברעגן, דאָ אַהער:
— שלום, פּרץ, שלום! — דערגרייכט ווי אַ כוואַליע־רויש צו דיין געהער.
נאָר באַלד ווערט די וויזיע מאַט, מיסטעריעז פאַרשטעלט.
די לבנה קוקט אומעטיק איבער דעכער צו דער ווייטער וועלט.

י. ה. ראַדאָשיצקי

יידיש ליד

יידיש ליד, פּרינצעסין ליכטיקע, צניעותדיק און שיין:
איך זע דיך פאָרן ווידער אין אַ קלאַטשע-וואָגן מיט אַ בויד,
איבער וועגן, איינזאַמע, מיט אַ קלומיק, ווי אַ מויד
וואָס שלעפּט זיך ערגיץ דינען גיין אין שטאָט אַריין!

דיר פּאַסט דאָך שוין אַ גאָלדענער קאַרעט, געשפּאַנט אין דריי פּאָר פערד
און אויף דיין מלכות-קאָפּ זאָל לייכטן דיר די קרוין
פון דיין ווייטן גרויסן יחוס-שטאַם — דער לוין!
דאָס פאָלק האָט איצט פון דיר זיין פּנים אָפּגעקערט? — —

דאָס עם-הספר פאָלק וואָס האָט מיט דיין לשון זיך גענערט — —
לאָזט שלעפּן הפקר דיך אַרום דורך זאַווערוכע, שטורם און ווינט?
און זעט נישט אַז די שכינה לייכט אויף דיר, בת-מלך-קינד?

דער גם קאָן נאָך געשען: ס'פאָלק זאָל ווידער קומען מיט דער קרוין —
דיין קאָפּ אויפסנייַ באַצירן מיטן אַלטן יחוס-לוין!

יידישע דיכטער

זיי גייען דורך דער וועלט, דער יידישער,
ווי קלעזמאָרים־וואַנדערער, געסטראַיעט שוין די פידלען,
און זינגען זייער טרויער אוים און לידלען

אַזוי שפּאַנען זיי, פון מזרח, מערב, דרום, צפון,
און צימבלען אויף די סטרונעס, טענער פול מיט טרערן, — — — —
די פייגל בלייבן הענגען אין דער לופט, און די בוימער שטאַרן.

פּאָעט

ה. לייוויק'ן

מיין האַרץ נעמט אויף דיין וואָרט,
ווי ערד נעמט אויף די זון;
איך פּאַרנעם און פיל געזאַנג
וואָס קוואַלט פון דיין געמיט:
עס שטראַלט דיין יושר קלאָר
אַרוים פון יעדן ליד.

דו זינגסט, איך הער מיך צו
צו אַלץ נאָר וואָס דו זאָגסט:
דיין וואָרט איז ליכט און וועקט,
איך טרוי אים און איך גלויב;
ווי ריין עס שטראַלט דיין גייסט —
איך בענטש אים שטיל און לויב.

מיט דיין צויבער־שטעקן

יעקב גלאַטשטיינצ

דיכטער לויטערער, געזאַלבטער,
זינגער יידישער פאַר עקסעלאַנץ:
אויף דעם קאָפּ, באַזילבערטן שוין דיינעם
זע איך טראָגן דיך דעם מלך־דוד־קראַנץ.

עכט ביסטו, אַ צעלויכטענער.
כשרע דיינע לוים־טענער;
שמחת־תורהדיק זיינען דיינע רייד,
מיט רויטע עפּל צירסטו דיינע פענער!

נעמסטו צויבערן פרום אַ ניגון —
טרעטסטו ווייך אין סאַמעט־סאַנדלען;
אויף דיין צויבער־שטעקן אין דיין האַנט —
זיך כישופן ראָזשינקעס און מאַנדלען!

קומען אין דיין סאַד יידעלעך, באַשטריימלטע,
קלייבן פּירות אין דיין וואונדער־גאָרטן;
בליט, שטראַלנדיק דיין פּרדס אויף, פאַר זיי:
גליקלעך זיינען דיינע יידן דאָרטן! —

טאַנצן זיי אַרום אין שבת־קאַפּאָטעס,
עסן מאַנדלען פון דיין צויבער־שטעקן,
מאַכן ברכות איבער דיינע פּירות,
שעפּן כוסות פון דיין פּסח־בעקן!

דיכטער לויטערער און געזאַלבטער,
זינגער יידישער פאַר עקסעלאַנץ:
אויף דעם קאָפּ באַזילבערטן שוין דיינעם
זע איך טראָגן דיך דעם מלך־דוד־קראַנץ!

י. ה. ראַדאָשיצקי

איך פאַרבעט אייך

אָ, פערזון־מיינסטער, גאָט־געבענטשטע! איך פאַרבעט אייך,
צום אָרים־מאָלצייט פון אַ דיכטער־פרינץ, וואָס ווערט געגרייט.
און דיך, מיין טרוימען־שפּינער, וועק איך פון דיין חלום אויף:
— דו, נזיר, צו דיין יום־טוב קום, פון דיין ווייסער וועלט, דאָרט, ווייט.

ברוך הבא! — ווי פון אַנדערע וועלטן קומען אָן פאַרטראַכט:
דער מלך דוד מיטן תהלים אין זיין האַנט, צעבלעטערט.
די אויגן אינעם כוזרי איינגעטיפט — ר׳ יהודה הלוי שלייכט,
דאָס פּנים אין קדושה, בלאַס, די באָרד — אין שטילן טרויער ציטערט.

עס קומען אָן נביאים, די אויגן זייערע לייכטן קלאָר.
טרייסט און האָפענונג ברענגען זיי, די לויטערע געשטאַלטן.
די שטאָלצע קעפּ באַזילבערט, ווי בלענדיק־ווייסער שניי —
יעדער, ווי אַ שבת־ליכט, פון דער שכינה אַ צעשטראַלטער.

זיי קומען פאַרנווייז — די דיכטער־געסט, מיט שטילער פרייד.
מיט ספרים אין די הענט, זיי שפּאַנען, גאונים־פּיטנים.
הקליר, ווי אַ גרייז, — צווישן ביידע אבן־עזראס גייט,
אלחריזי, אבן־גבירול, קומען־אָן, ווי מחותנים.

אַרומגענומען ווי איין גוף, עס שוועבן די משוררים:
חיים נחמן ביאַליק, סעגאַלאָוויטש, דער מקונן, הויך און שלאַנק.
פאַרהילט אין קנוילן רויך — ישראל שטערן; קאַצענעלסאָן, ראַבאָן,
ווי אותיות וואָס גליען אינעם פלאַם פון סנה צעבלאַנקט.

ווי אַ גוטער טאַטע, אברהם רייזען, ס׳פּנים צאַרט און מילד,
פירט מאַני לייבן. דאָס זילבער־פליטל שפּילט אַראָפּ פון זיינע ליפּן
דאָס ליד פון בלויען טרויער. י. י. סיגאַל מיט אַן אַלטן קרבן־מנחה,
ווי מיט אַ קרבן־ליד צו אידיש, אויף אַ הילצן דוד׳ל כליפּעט.

און שטיל, גאָר שטיל, קומט אָן דער פּאָעט בן־מלך — חיים קרול
פון רעכטער האַנט דער קעניג דוד; פון דער צווייטער — פּרץ.
אַ שווייגן פלאַטערט איבער אַלעמען אַרום און ציטערט,
און יעדער בויגט זיין אַראָפּ מיט ליבשאַפט, דרך־ארץ.

נאָר ער אַליין, דער דיכטער פונעם ליד: „ברעט מיין איינציק ברעט״,
איז בלייך. די האַנט ביים האַרץ, די ליפּן זיינע שעפּטשען קוים.
אַ ווינטהאַרף ציטערט אויף: מה טובה אהליך — חיים —
און ס׳טוט אים אָן דער בעל־התהלים אויפן קאָפּ די קרוין.

י. ה. ראַדאָשיצקי

אַ יאָרצייט־ליכט

הערמאַן גאָלד׳ן

זיין גרויסער קאָפּ איז האָריק, שוואַרץ, צעשויבערט,
זיין באָרד — צעפּאַטלט, נישט רונדיק און נישט שפּיציק.
זיין קאַנטיק פּנים — ברוין, די אויגן שוואַרץ און בליציק,
די ליפּן גרייט מיט פּריינטשאַפט דיך צו וויצלען.

ברייט־ביייניק פּעסט זיין גוף, די ברוסט — אַ מוסקולירטע,
אַ געשטאַלט ווי אויסגעהאַקט פון גראַניט־שטיינער;
דאָס רעקל אויפן לייב איז אָנגעצויגן, ווי נישט זיינער,
די פיס אין האָבאָ־שיך, די הויזן קורץ און קאָמיש.

נאָר אין זיין קאָפּ, צעשויבערטן — שטראַלט אַ וועלט מיט חכמה!
עס בליצן פון זיין מויל אַרוים די וויצן, אָן אַ מיען;
עס טרעפט זיין וואָרט אין פּינטל דיך, מיט אַ גליען,
זיין חוזק קיצלט דיך צו לאַכן, אַזש מיט טרערן!

ס׳לאַכט אוים די וועלט אַ קלאָון און מאַכט דיך פריילעך!
אים אַרט נישט וואָס מען קוקט מיט „וואונדער״ אויף זיין הולך;
ער איז דער וואַגאַבונד־פּאָעט! ער איז אַ מלך!
זיין טראָן — ״ראַיאַל קאַפּע״ אויף סעקאַנד עוועניו!

ער לאַכט: די וועלט גייט אים פאַרביי ווי אַ טעאַטער:
מאַסקירט איז יעדער מענטש, דאָס פּנים — פול מיט שמינקע;
שפּילט ער אויך דעם קונילעמל, טיילמאָל כינקע־פינקע —
ער לאַכט און לעצעוועט פון מיר, פון דיר, אין אַ מאַסקע!

זיין קרוין־וואָרט איז: „ברודערל, דערלאַנג דעם טשיז־קעיק!" —
אין אַ רינג פּאָעטן זיצנדיק ביי אַ ראָיאַל־טישל;
אויף יענעמס חלק כאַפּט ער מיט די הענט אַרוים פון שיסל:
„דו גראָבער קאָפּ, עס קאָן דיך נאָך, חלילה, דאָס פאַרשאַטן!"

וויל ער איינעם טאַדלען, „לויבן" מיט אַ חנדל —
שיקט ער אים אַ פייל פון ווערטער בליציקע און שאַרפע:
עס בליצט פון אים גע׳ניאַל, ווי אַ שפּילער אויף דער האַרפע!
און יענער לאַכט, און הערמאַן טראַכט: „וויי־וויי צו דיין געלעכטער!"

ער קלאָונט, נאָר אין זיין האַרץ דאָרט גליט אַ טרויער,
ער פלייסט זיך צווישן פריינט מיט וויצן דאָס פאַרלאַכן;
נאָר ווי איז דעם וואָס פון זיין טרויער טוט ער חוזק מאַכן,
ווען דער צער אין זיין חדר הויזט, זיין בעט צוקאָפּנס...

אַזוי האָט ער געלאַכט, דער וואַגאַבונד און חריף,
דערציילט אונז וואונדער־מעשהלעך און קינדער־לידער;
אַוועק אַ טראַגישער געשטאַלט — אַ דיכטער־ברודער,
ווי אין האַרבסט אַ בלעטל, פליענדיק — פאַרשוואונדן!

זיין „טראָן" — ראָיאַל — איז איצט אַ מתים־שטיבל:
הערמאַנס שאָטן זעט מען דאָרטן ביי אַ טישל „זיצן",
די ליפּן זיינע שטאַרן קאַלט, די אויגן פוסט, אָן בליצן...
נאָר טויטע עכאָס אַרום אים דאָרט, ציטערן און שוועבן.

⁂

אַזוי האָט ער „געלעבט" און ווי אַ בלעטל אינם האַרבסט פאַרשוואונדן:
טאָ ווער וועט אין זיין יאָרצייט־טאָג אַ ליכט נאָך אים אָנצינדן?...

י. ה. ראַדאָשיצקי

ביכער

פון מיין ביכער־שאַנק קוקן זיי צו מיר, מיט אַ טרויער,
די איינגעפּרעסטע נעמען רעדן, מיט אַ גאָלדן שיינען.
נעם איך אין דער האַנט אַ לידער־בוך צו לייענען —
ווערט אומעטיק מיין האַרץ, און איבערפולט מיט טרויער.

איך האָב ווי נעכטן ערשט, נישט לאַנג — יעדנס קול געהערט:
פון יעדנס האַרץ געגליט דאָס וואָרט האָט, מיט בטחון,
נאָר אונטער זיי געלויערט האָט דער טויט שוין, מיט נצחון —
צו פאַרלעשן גוף נאָך גוף, מיט דער פינצטערניש פון ערד...

ער קומט אַ פינצטערער, מיט קאָסע, שניידט די זאַנגען,
און דער וואָס האָט געלויכטן אונטער הימלען ווערט פאַרלאָשן:
עס פאַלט זיין גוף — אַ סנאָפּ, אַ גאָלדענער, ווי אויסגעדראָשן.
נאָר מאַכטלאָז בלייבט דער טויט אַקעגן דיכטערס לויטערע געזאַנגען!

איך לייען דאָס בוך, איך לייען די פייערדיקע לידער —
פון יעדן פערז אַרויס גליט־אויף, מיט צער, אַ נר־תמיד,
וואָס דיכטער־האַרץ אַרויסגעזונגען האָט, מיט אומעט.
און ס'טויכן־אויף געשטאַלטן, פאַר מיר — שטראַלנדיקע ברידער;

פון יעדן ליד — ליכטיקט־אויף אַ דיכטער־פּנים, ליפּן זאָגן:
— די צייט פון לעבן גייט אַ בליץ נאָר דאַ, ווי אַ חלום;
עס איז דיין מיען, מענטש, אילוזיע נאָר — הבל אלץ, הבלים! —
בליסטו, ווי דער פלאַנץ אין פעלד, און ווי דער בלאַט אין האַרבסט —
פאַרטראָגן...

וואָס בין איך דאָ?

— וואָס בין איך דאָ?
— ווי דער בלאַט אויפֿן בוים,
געוויגט פֿון לבֿנה־שטראַלן,
ווי אַ זומער־נאַכט־טרוים,
און ווי דאָס ביסל זילבער־שוים
פֿון באַרגיקע וואַסער־פֿאַלן.

— ווער בין איך דאָ?
— ווער ווייס דען ווער איך בין:
אפֿשר דער אומרו פֿון ווינט
אין געשוועב איבערן פֿרילינג־צווײַט,
און אפֿשר גאָר — דער רייפֿער זאַנג
וואָס גאָלדיגט פֿאַרן שניט?...

— פֿון וואַנען קום איך דען?
ווער ווייס פֿון וואַנען איך קום:
אפֿשר בין איך נאָר אַ בלום,
וואָס זאַפּטיקט אונטער זון און טוי,
און פֿרייט זיך אונטער קלאָרן הימל־בלוי,
ביי יעדן פֿרישן אויפֿטאָגן!

— דאָך — בין איך דאָ! בין איך דאָ!
ווי דער שטראַל אין דער פֿרימאָרגן־שעה,
ווי דאָס לבֿנה־ליכט איבער באַרג און טאָל —
בין איך דאָ! בין איך דאָ!

איך זינג

צו דער ערד זינגט מיין האַרץ אַ לויב, פאַר איר געבערן.
איך בענטש די שפע איצט, וואָס וועט דעם מענטש דערנערן.

איך גיי אין פעלד, דאָס רחבות בליט, און ס'גליט אין מיר אַ ניגון —
איך זע די זאַנגען, גאָלדענע, ווי כוואַליעס אין אַ ים זיך וויגן!

איך זינג צו יעדן פלאַנץ, און צו די פירות אויף דיביימער:
ערד! איך פיל געבענטשט צו זינגען פון דיין פראַכט, צו זיין
דיין טרוימער.

קום, חלום

קום, חלום מיינער, בלויער מלאך,
וועק־אויף אין מיר נאָך גליקלעכע מינוטן:
די צייט האָט מיינע פליגל אָפּגעשניטן,
איך קאָן נישט שוועבן מער אין מיין טרוימען־לאַנד.

צויבער־אויף מיט דיין כישוף־אָטעם
מיינע דרימלענדיקע דמיונות־טיפן:
טראָג מיך, טראָג אויף די בלויע זעגל־שיפן
צו מיין יוגנט־וועלט פון לויטערן געזאַנג!

טראָג מיך, ווידער, דו, מיין טרוימען־מלאך
צו מיין עברס פאַרבן־רייכע ווייטן —
צו מיין בליאונג־וועלט — די וואונדער־צייטן,
אויף דיין בלויען אינדזל בין איך שטאַרבן גרייט.

י. ה. ראַדאָשיצקי

באַשאַף

איך האָב אריינגעטעמט פונקען פון מיין לעבן
אין יעדן אות פון מיינע שטילע לידער,
מיט בענקשאַפט פון מיין הארץ האָב איך זיי באַשאַפן,
און מיט יעדן וואָרט האָט אויפגעבליט מיין האָפן.

אַזוי האָב איך די לידער מיינע אויסגעליטן
אין טעג פון צער און אויך אין פריידיקע מינוטן.

אַ קול אין דער נאַכט . . .

— דו האָסט אַמאָל געטרוימט: די וועלט וועט זיין דיר אַ גן־עדן.
איצט זעסטו קלאָר: יעדער טראָגט אויף זיך אַ טייל פון איובס ליידן.

דו ביסט צו דיינע ליידן אַ צוגעשמידטער ווי מיט קייטן,
און ווי דער נביא יונה, קענסטו נישט דיין גורל מער פאַרבייטן . . .

— איך פיל דיין צער, וואָס האָט אויף דיינע יאָרן וויכערדיק געהאָגלט,
דו ליידסט, ווי פראָמאַטעוס, און ביסט צו דיינע ליידן צוגענאָגלט.

אָפטמאָל הער איך דיין געוויין, טיף, ווי ירמיהוס קלאָגן:
„מיין לעבן איז אַ שיפל קליין, פון אַ ווילדן שטורעם געטראָגן״!

דער וואַלד חלומט

שטיל און חלומדיק שנירלט זיך דער וואַלד-וועג.
דער שטעג דרימלט אין שאָטן פון געדיכטע צווייגן,
פאַרשטעלן די גאָלדענע ליכטיקייט פון דער זון.
אַ בלאַסער שימער רינט דורכן געצווייג, טריפט
און פאַלט איבער וואַלד-גראָז און יאַגדע-ביימלעך.
פון די גרינע בלעטלעך אַרוים גלאַנצן שוואַרצע פּערל,
ווי פאַרצערטע, אידישע קינדער-אויגן.

שטיל און אומעטיק הענגען די צווייגן אַראָפּ,
קוים, — מען הערט, יעדן בלעטער-שאָרך פון אַ צווייג.
מען הערט יעדן פאַרביי-שוועב פון אַ פלאַטער-פליג.
אויף אַ פאַרשלאָפענעם בוים האָט אַ פויגל זיך צעזונגען,
וועקט מיט זיין אומעטיקן געזאַנג די שטילקייט פון וואַלד.
דערשראָקן איז אַ פויגל פון אַ צווייג אַרוים
און פלאַטערט איבער די ביימער-שפּיצן.
אויף צוויי פיסלעך שטייט אַ וויעוויאַרקע —
קוקט מיט די רובין-אייגלעך און פאַרשווינדט אין געצווייג.
שטיל איז די איינזאַמקייט פון וואַלד, חלומדיק יעדער בוים.

זוען בלעטער פאַלן

אַוועק איז דער טאָג. די לעצטע שטראַלן לעשן זיך.
איבער די גרינע ביימער־שפּיצן צאַנקט אוים דער זונפאַרגאַנג.
געהיימע שאָטנס נידערן איבערן וואַלד־געצווייג.
און אַטלאַס־טונקעלע רואיקייט גלאַנצט איבער די ביימער.
די טונקעלע גרינע צווייגן לאָזן זיך מיד אַראָפּ,
יעדער צווייג אָטעמט מיט רחבות אין דער שטילקייט אַריין.
מילד האָט די זומער־נאַכט אַרומגענומען דעם וואַלד.
דער הימל — אַ טונקל־בלויער קרישטאָל־ים,
שפּרייט זיך אוים איבער די ביימער.

פּאַזע וואַלד, דאָס שמאָלע טייכל — שנירלט זיך מיט אַ שטילן רוישן,
רוישט געהיים, ווי עס וואָלט עפּעס טרויעריקס דערציילט די ביימער.
אַ געקוואַקער פון די זשאַבעס שפּרייט אומעטיקס אין לופט.
אַ „בול־פּראַג" מרוטשעט אימהדיק, מיט שרעק,
דוכט זיך — עס קרעכצט דאָס האַרץ פון דער וועלט — — —
נאַכט־טרוימען שוועבן איבער די וואַלד־שפּיצן.
סודותדיקע טענער ציטערן און גליען אין דער נאַכט אַריין.
שאַ, שטיל — דער וואַלד חלומט! . . .

י. ה. ראַדאָשיצקי

צו זיי...

זינגען ווענן דיר אין מיין ליד? — דו ביסט נישט ווערט די קרוין.
מיין אידיש וואָרט איז דאָך סיווי פרעמד פאַר דיר!
פאַר מיין ספר־יידיש, איז פאַרהאַקט די טיר.
נאָר טאַדלען דיך מיט מיין פען וועט זיין אַצינד דיין לוין.

דו האָסט דעם יונגן דור שוין אָפּגעשניטן פון מיין שטאַם,
ער וואַקסט אין פעלד ווי אַ ליידיק, פוסטער זאַנג.
דאָס פייער פון מיין פאָלק זע איך אין אים צאַנקט,
עס פלאַטערט ווי אַ ליכט אין ווינט זיין שוואַכער פלאַם.

איז וויי צו מיר, צו לעבן אין אַזאַ גרויער צייט,
ווען מיין לשון איז פאַר דיר אַ ווילדער שפּאַס,
צו הערן יידן־קינדער זינגען יענקיש אויף דער גאַס,
אַז מיין האַרץ זאָל וויטיקן פון טרויער און פון לייד.

דיך באַזינגען? — ברודער מיינער, אָפּגעפרעמדטער ייד,
פאַר מיין מאַמע־לשון ביסט דאָך טויב און שטום;
— דו ביסט אַ טייל פון מיין געביין, נאָר מיט אַ מום...
ווען איך זינגען ליבערשט ווענן פויגל אויפן בוים, אין מיין ליד!

מאָצאַרטס „רעקוויעס"

ש. טענעבוימען

באַלאַדע

די נאַכט איז אַ שוואַרצע, מיט האַרבסטיקן רעגן,
עס ברעכן זיך צווייגן און ס'פאַלן די בלעטער,
ס'וואָיען די ווינטן, קאַלט-שניידיק דער וועטער,
פוסטע די געסלעך און חושך די וועגן.

עס צינדן זיך בליצן און פאַלן אויף שויבן,
אויף גאָטישע הייזלעך אין נאַכט איינגעהילטע;
צווישן די שטיבלעך, נאַס און פאַרקילטע,
שטייט דאָרט אַ הייזל. פון דאַך-שטיבל אויבן
שימערט קוים, רויטלעך אַ לאָמפּ פון די שויבן,
וואָס ציטערט אַרוים מיט אַ פינצטערן טרוימען,
אַרוים צו די ווייטן, צו כליפּנדע רוימען.

אין שטיבל דאָרט אויבן פון פענצטערל קליינעם —
קוקט מאָצאַרט, אַ קראַנקער, אַרוים דורכן פענצטער:
די אויגן צעפיבערט, די באַקן אַזש גליען,
ער קוקט ווי די וואָלקנס די שוואַרצע זיך ציען;
אין פיבער געצונדן דערזעט ער געשפּענסטער!
זיי טראָגן דערהויבן אַן ארון אַ שוואַרצן —
די טרומנע איז אָפן, עס ליגט דאָרט אַ טויטער! —

— וועער איז געשטאָרבן? וועמען טראָגט מען צום צווינטער?
ער שטוינט טיף דערשראָקן צום ארון אַרונטער.
אַ בליץ גיט אַ פּאַל אויף דעם מת אין דער טרומנע:
ער קוקט און דערזעט דאָרט זיין פּנים, אַ בלאַסן,
עס טראָגן די טרומנע געשפּענסטער, אין מאַסן,
עס וואָיען די ווינטן, אַ רעקוויעם ציטערט,
אַ שוידער באַפאַלט אים, ער קוקט ווי דערשיטערט!

— איז דאָס בלויז אַ וויזיע? צי אפשר דער אמת?
שפּאַנט ער טיף־טרויעריק, פון אומעט געפאַנגען:
ער הערט ווי פון ווייטן די רעקוויע־קלאַנגען!
די טענער וויברירן מיט אומעט אַ שווערן.
עס פאַלן שוויים־טראָפּנס אַראָפּ פון זיין שטערן,
ער שפּאַנט אין דער שטוב אום מיט טריט נישט געאיילטע:
— אַ, מאָצאַרט, מאַך גרייט דיך, די טעג שוין געציילטע!...

— מען קלאַפּט אין דער טיר אָן: צי קלאַפּן נישט־גוטע?
ער רופט שוואַך־דערשראָקן: — אריין קומט! קומט, ביטע!
אַ מאַן פול אין שוואַרצן די שוועל טרעט אַריבער,
בלייבט שטיין קאַלט, אַ שטייפער — אַ גייסט מיט מאַנירן,
ער וואַרט אויף אַ רוף נאָך און וויל זיך נישט רירן;
ער שטייט ביי דער שוועל שטום מיט ערע געבויגן,
דער טויט קוקט אַרוים פון די פינצטערע אויגן.

— וואָס ווינטשט איר, מיין הער? — פרעגט מאָצאַרט גענעדיק,
און פילט ווי עס בלוטיקט זיין האַרץ שוין געשעדיקט...
עס ווערן ביים מאַן שטייף די ליפּן און קרומע,
עס גרילצט ווי פאַרזשאַווערט זיין אייזערנע שטימע,
זיין קול ברענט טיף-שניידיק, די בלוטן אַזש פרירן:
— מיין הער האָט געשיקט מיך איר זאָלט קאָמפּאָנירן
אַ יאָרצייט-מעלאָדיע — אַ רעקוויעם וויל ער! —

— נאָר איילט זיך הער מאָצאַרט, באַווייזט גיכע טאַטן:
ווערט פאַרטיק, — באַקומט איר אַ הונדערט דוקאַטן!
פאַר וועמען איר שאַפט דאָס? — אַ, פרעגט נישט הער מייסטער!
ער עפנט מיט רענדלעך אַ לעדערנעם טייסטער,
און לייגט באַלד אַוועק אויפן טיש די דוקאַטן:
— נאָר איילט זיך, הער מאָצאַרט, טוט גיך אייערע פליכטן,
אַרבעט מיט אימפּעט, שאַפט ראַשיק אָן שוינונג! —
ווען פאַרטיק דער רעקוויעם, — איז טאָפּלט באַלוינונג!
פאַרנייגט זיך מיט ערע, פאַרשווינדט פון דער וואוינונג.
און מאָצאַרט, באַפרייט פון דעם מאַן אומגעריכטן —
שטיל מורמלט: מיין שוואַנען-ליד וועל איך היינט דיכטן!

ער זעצט זיך ביים פּיאַנאָ, באַרירט די קלאַווישן.
געדאַנקען און בילדער זיי נעמען זיך מישן:
„לואיזע" באַווייזט זיך — אַ ליכטיקער שטערן! —
די אויגן מיט ליבשאַפט גלאַנצן פון טרערן:
ער לייענט פון איר פּנים זיין טראַגישן גורל.
זי גלעט זיינע לאָקן מיט הענט ווי געפרוירן:
— אָ, ליבסטער, איך וועל באַלד אַ קינד דיר געבוירן! — — —

אַ קינד פון לואיזען — זיין נאָמען וועט לעבן!
ער הויבט אָן צום הימל אַ גליקלעכער שוועבן,
לואיזע שוועבט מיט אים הויך, הויך אין דעם עטער,
זיין האַרץ נעמט שטיל זינגען צו איר, אָ, זיין רעטער...
דורך וואָלקנדלעך שוועבט ער מיט איר צו די שטערן,
צו גאָט שטרעבט זיין זעלע מיט ריינעם באַגערן! — — —

נאָר פּלוצלינג ווערט טונקל — די הימלען פאַרצויגן,
די כמאַרעס פאַרנעפּלען באַלד שוואַרץ זיינע אויגן:
ער הערט וויאָנטשעלעס, עס צערן די פלייטן,
די פידלען זיי כליפּען פון מיסטישע ווייטן:
— אָ, מאָצאַרט, מיר וועלן דיין ארון באַגלייטן!

פּאָעטיש פריי באַאַרבעט לויט דעם נוסח
פון ש. טענענבוים'ס „רעקוויעם" אין פּראָזע.

בליצן אין דער נאַכט...

ווען מיין האַרץ זינגט

ווי ראַקעטן, וואָס העכער זיי שטייגן,
אַלץ רעגנבויגנדיקער, שענער,
צעשפּילן זיך קאָלירן —

אַזוי רעגנבויגנדיק,
צעפינקלען זיך מיינע חלומות,
אַזוי יום־טובדיק שטראַלט מיין וועלט.

ווען מיין נשמה זינגט
אין דער שטילסטער שטיל,
צו אייך און צו מיר...

טעג ווי פולע וויינבעכער

טעג ווי פולע וויין-בעכער
וואַרטן אויף דיר: —
אַ געלייטערטער גענען צום געדעקטן טיש,
פון לויטערן יום-טוב.
גענים פון גאָטס שפע
און זינג.

אין געזאַנג לעבט בטחון

אַלץ זינגט אין זיין צייט;
ווי פון אַ בעכער גאָלדענעם
קוואַלט אַרויס די קוואַליקע פרייד
פון דער בליענדיקער ערד!

יעדער גרעזל שפּראָצט מיט געזאַנג
פון דער ערד אַרויס, צום אייביקן ליכט
פון די לויטערע הימלען!
יעדער פלאַנצל זינגט צו די הימלען אַרויף!

אַלץ זינגט זיין שטומען לויב
צום אויפגייענדיקן ליכט:
פול ווערט דאָס באַשאַפענע מיט געזאַנג
אין זיין רייפן;
ווערט רייף דער זאַנג —
די קערנער יאָדערדיקע שטייפן —
איז גאַנץ זיין קראַפט:
פון די וויינטרויבן רינט זיין זאַפט,

רינט, רינט:
די ערד איז באַזונט
פון איין זון —
איין געזאַנג.

***

זינג, זינג מענטש;
אין געזאַנג לעבט בטחון,
אין געזאַנג לעבט די פרייד —
לעבט גאָט!

ווי דער טויכער

ווי דער טויכער, פון ים־טיפענישן —
טראָגט פערל אין זיינע הענט
צו דער וועלט אַרוים,
און זיין האַרץ זינגט!

ווי דער טויכער טראָגט אוצרות
פון די ים־תהומען, צו אייך:
אַזוי טראָג איך מיין גייסטיקע שפע
איבער די גאַסן פון דער ערד!

ווי די ערד

ווי די ערד אין תמוז,
וואָס גאַרט נאָך רעגן,
אַזוי דורשט איך
נאָך נייע טעג.

און פאַר מיינע טריט
גייען־אויף קנאָספּן
און צעבליען זיך מיט געזאַנג
איבער מיין קאָפּ אַריבער...

אומעט

אומעט מיינער, שלאָף איין
איבער מיינע קניען.
דרימל אונטערן לבנה-שיין
פון נאַכט-שטילקייט.

שלאָף איין, שלאָף איין —
איך וועל דיך באַוואַכן
אונטערן שאָטן
פון טויטע גאַסן...

גאַסן...

גאַסן,
וואָס זיינען גאַסן?
הייזער,
וואָס זיינען הייזער?
מענטשן,
וואָס זיינען מענטשן?

גאָט, צוואָס האָסטו באַשאַפן
אַזויפיל שטעט,
אַזויפיל פיין,
אַזויפיל צער?...

שטאָט

שטאָט,
הערלעכע וואונדער־שטאָט!
אונטערן געלויף פון דיינע טריט
פאַלן דיינע בעסטע קינדער.

וואונדערלעכע בבל־שטאָט:
איבער דיינע רחבותדיקע גאַסן
וויינט דער שטילער צער
פון איינזאַמע מויערן ארוים.

***

פון איין זייט ביי דיר —
גלאַנץ און שיין פון פּאַלאַצן;
פון דער צווייטער, געאָרעמט,
— הייזער אין אָרימקייט.
און איבער די דעכער,
שפּרייט זיך די נאַכט,
הימלען, כמארעס
און איינגעדרימלטע גאַסן...

***

כ'בויג מיין קאָפּ אַראָפּ
צו דער טיפעניש פון מיין הארץ
און איך אָטעם איין
דאָס געוויין
פון דיין גורל —
שטאָט, דו בבל־שטאָט!

מענטשן און געטער

מענטש, אַלע שטראַלן ציען זיך
צום שטראַליקן.

אַלע קוואַלן עפענען זיך
פאַרן קוואַליקן.
מענטשן און געטער,
ביימער און בלעטער.

דורות...

פון מיינע אָדערן
זינגען דורות,
אויפגייענדיקע.

פון מיינע ביינער
לייכטן וועלטן,
חלומדיקע —

***

איך וואַנדער דורך לאַבירינטן
פון דער נאַכט־שטילקייט,
מיט מיין בטחון־פלעמל ;
מיטן צער פון מיין לעבן,
צו דורות —
וועלטן אין מיר !

אויפן מזבח פון מיין גורל...

קינד מיינס:
מיטן צאַנק פון דיין גוף
ווערט פאַרלאָשן מיין חלום.

אָ, חלום שיינער פון מיין שטאַם!
שוין לעשט זיך דער געהייליקטער פלאַם
אויפן מזבח פון דיין גורל...

מיין חרובע וועלט...

וועלט, מיין חרובע וועלט —
איך ברענג דיר תפילות פון מיין האַרץ,
געצייכנט אויף שוואַרצע טאָוולען.

וועלט, מיין חרובע וועלט —
איך טראָג מיין טרערן-ליד צו דיר,
איבער די גאַסן פון דער אומעטיקער ערד.

שטיל געבעט

ציגל פון מיינע ווענט,
נעמט אויף דעם צער
פון מיין שטיל געבעט.

ווינקלען פון מיין שטוב,
נעמט אויף דעם טרויער
פון מיין איינזאַמקייט.

⁂

ערד, האָסט מיך אַרויסגעצויבערט
פון דיינע טיפענישן, צו ליידן!

און פאַרשלינגען וועסטו מיך,
ווי דעם פאַרפייניקטן איוב!...

לעבן...

לעבן — אייביקער טויט,
די זון גייט־אויף — רויט,
און פאַרגייט — רויט.

דער זעלבער צער און פרייד,
די זעלבע לייד.

עס דרייט זיך דאָס ראַד
אַראָפּ און אַרויף,
אָן אָן אָנהייב, אָן אַ סוף...

אַזוי איז מיין גורל...

טעג וועלן זיך אָנצינדן
און אויסלעשן.

שטערן וועלן אויפשיינען
און אַראָפּזינקען.

דורות וועלן אויפשטייגן
און פאַרשווינדן.

און איך — אַ נישט דערזעענער,
וועל שפּאַנען דורך אייביקייטן...

ספינקס

ווי אַ ספינקס אין אַ מדבר,
אַזוי בין איך דאָ.
אויפגאַנג און אונטערגאַנג
זינגען זיך און לעשן זיך איבער מיר.

ווי דער ספינקס אין זאַמד פון מדבר,
אַזוי טרוים איך דאָ.
פון נייע טעג,
פון קומענדיקע וועלטן.

חלומען חלומות...

פאַרלעשט די צער-געשרייען
איבער די גאַסן.
לאָזט אַראָפּ די נאַכט-ראָלעטן
איבער די קאַמערן.
זאָל איינשלאָפן די ערד
אין איר שטילקייט —
איך וויל חלומען
פון פאַרלאָשענער האָפענונג...

עפן...

קלאַפּט־אָן די נאַכט
אין די קאַמערן פון מיין האַרץ —
עפן!

פראַל איך אויף אַלע טויערן,
ריגל אויף אַלע טירן
פון מיין שטילן אומעט.

קומען אריין
אונטערן מאַטן שיין
שאָטנס פול מיט צער,
און נידערן מיד און שטאַר —
און שלאָפן איין מיט מיר...

מיין געבעט

איך האָב אויסגעצויגן מיינע הענט
צו די איינגעשלאָפענע האָריזאָנטן
און געבעטן פאַר דיר — — — —
און אַ גוטער ווינט
האָט מיין געבעט דערטראָגן
איבער דער שטילקייט פון דער נאַכט —
צו דיר!

ממעמקים

פון מיינע טיפסטע טיפן,
רוף איך צו דיר,
בעט איך צו דיר.

דערהער דאָס געוויין
פון דעם געפייניקטן,
וואָס גייט צו דיר.

פאַרנעם זיין צער
אין זיינע לעצטע טעג,
אין זיין לעצטן וועג —
צו דיר.

תפילה

נאַכט, לאָז מיך אויסאָטעמען
מיין צער־געזאַנג צו די הימלען.
ווי די האַרבסט־רויז, איר דופט,
אונטערן ערשטן שניי פאַרן שטאַרבן...

נאַכט, נעם־אויף מיין געבעט:
לאָז מיך אויסזינגען מיין געזאַנג,
איידער דער טויט נעמט מיך אַרום
און ס'דעקט מיך צו אַ בערגל ערד!...

טרויער

ווי אַ טרויער־מאַנטל,
הענגט דער אָוונט־הימל איבער מיר.

ווי אַ טרויער־קרעפּ.
הילט די נאַכט מיינע טריט,

און צערט —
אויף מיין גורל...

שפּאַן ווייטער

שפּאַן ווייטער, שפּאַן! —
די צייכנס פון דיינע טריט
וועלן זיך איינקריצן
איבערן פּנים פון דער ערד!

שפּאַן ווייטער, שפּאַן! —
ליכטיקע האָריזאָנטן
וועלן דיך אָקעגנקומען,
מיט וויין און מיט שלום,

מיט שפע און געזאַנגען —
פון נייע וועלטן!

ווי דער בוים

מענטש —
הייב אויף דיינע אויגן
צום מערב-ליכט,
איידער די נאַכט פאַלט צו.

עפן אויף דיין האַרץ
צו די הימלען, מיט האָפענונג,
ווי דער בוים:
וואַרט אָפּ, מיט בטחון,
דעם אויפזשאַר פון נייעם אויפטאָגן!

מיינע אויגן טרינקען פרייד

איך שפּאַן —
און מיינע אויגן טרינקען פרייד
פון דער בליענדיקער ערד אַרוים!

איך שפּאַן —
און מיין האַרץ ווערט פול מיט ליכטיקייט —
ווי דער בוים אין ווייסן מאַי-צווייט,
ביים גאָלדענעם זשאַר פון אויפטאָגן!

טעג פון וואונדער

גרוים איז דער וואונדער פון מיין לעבן,
פול מיט וואונדער מיינע טעג: —

יעדער טאָג —אַן אויפלויכטנדיקער זייל,
יעדע שעה — אַ לייכטורעם אין מיין וועג —

איבער וועלכן איך שטייג
צו די שטראַלנדיקע הויכן!

גרוים איז דער וואונדער
פון מיין שפעדיקן לעבן!

צו דיר . . .

עפן זיך הארץ מיינס און טרינק
דעם וויין פון די הימלען.
נשמה מיינע,
ווער פול מיט גאָטס ליכט.
און אַזוי וועל איך גיין
אויף די וועגן צו דיר . . .

איך האָב דערזען . . .

מענטש —
איך האָב דערזען אין דײַנע אױגן
דעם גורל פֿון דער װעלט:
איך האָב דערזען —
דעם גאַנג פֿון אורצײַטן:
דעם געראַנגל פֿון פֿעלקער,
זײער פֿאַלן און אױפֿשטײַגן,
זײער געװײן און זײער געיובל,
זײערע חורבות און אױפֿבלי־פֿרײד!

מענטש —
איך האָב דערזען אין דײַנע אױגן
דעם גורל פֿון דער װעלט.

און ווייל איך ווייס...

און ווייל איך ווייס —
מיין גוף איז נישט פאַר דער אייביקייט —
זינג איך!

און ווייל איך ווייס —
פון דער ערד בין איך אויפגעגאַנגען,
ווי דער פלאַנץ אין זיין באַשאַף —
זינג איך! —

זינג איך מיין צער צו די הימלען אַרויף,
זינג איך מיין פרייד צו די בערג אַרויף!
זינג איך צו פעלדער און צו זאַנגען
אין גרינעם פעלד! —

ווייל איך ווייס —
פון ערד בין איך אויפגעגאַנגען,
ווי דער בוים,
און נישט פאַרשווינדן וועט מיין טרוים —
זינג איך! זינג איך!

געלייטערטע זיינען מיר...

ברודער:
געלייטערטע זיינען מיר,
מיט ליכטגעזאַנג שפּאַנען מיר,
טראַגנדיק אוצרות צו דער וועלט.

ברודער:
דיכטער זיינען מיר,
גלויביקע זינגען מיר —
פאַר דער וועלט,
צו לויטערן די וועלט!

בלי־אויף מיט שיינקייט

מענטש —
טרייסל אָפּ די בייזקייטן
פון דיין גוף.

בלי־אויף מיט שיינקייט,
ווי דער קאַרשן־בוים
אין זיינע בלי־טעג!

בלי־אויף מיט פרייד,
מיט ליכט און מיט ליבשאַפט,
פאַר נייע טעג!

י. ה. ראַדאָשיצקי

דער צער פון דיינע אויגן . . .

איך האָב אויסגעטרונקען
דעם סם פון דיינע פּיינען.

איך האָב אויסגעאָטעמט דעם צער
פון דיינע יונגע אויגן.

און פאַרנומען אין מיינע טיפן
דאָס געוויין פון דיין נשמה.

— ביסט דאָך אַ טייל פון מיין געביין,
קינד מיינס —
געלייטערטער קרבן!

און אפשר?

און אפשר בין איך זינדיק,
נאָר איך ווייס נישט פון מיין זינד?

איז דאָס מיין שולד, דו גאָט, דו מיינער,
וואָס מיין שכל געווען איז יונג און בלינד?

ווילסטו דערפאַר מיך שטראָפן אַצינד,
מיך אויסלעשן אין פּיין, ווי אַ ליכטל אין ווינט?

נעם איך אָן, באַשעפער, דיין הארבן גזר — — — —
— איך בין גרייט! נעם מיך אויף, מיין האַר!

איך דאַנק

איך דאַנק דיר גאָט, איך דאַנק,
פאַר דעם געשאַנק צו מיר —
פאַר נאָך אַ טאָג, נאָך אַ וואָך, נאָך אַ יאָר,
פאַר מיין פולן בעכער וויין געניסן...
פאַר דעם לאַנגן וועג, וואָס ווערט נאָך לענגער —
מיט אַ ריין געוויסן.

איך דאַנק דיר גאָט, איך דאַנק,
פאַר דיין פאָטערלעך געשאַנק —
פאַר יעדער שעה, פאַר יעדן טאָג,
און פאַר יעדן חודש!
איך עפן אויף צו דיר, מיט דאַנק
מיין האַרץ — מיין ארון קודש.

ווײ

ווײ צו דעם וואָס זײַנע טעג און נעכט
זײַנען אים אַ לאַסט.
ווי אַ צעבראָכענער מאַסט,
אויפֿן ים־שטורעם,
וויגט זיך זײַן זעגל
פֿאַרן אונטערגאַנג.

איך קום

איך קום נענטער צו דיר, מײַן גאָט,
איך פֿיל מײַנע טריט נעמען זיך וואַקלען.
אויף מײַן וועג צאַנקען שוין די לעצטע פֿאַקלען.
אַ דעמערונג נידערט איבער מיר.
מיט מײַן לעצטן בטחון־פֿונק,
אין האַרץ בײַ מיר,
ווענד איך זיך צו דיר —
מײַן גאָט!

רופסט מיך מיט דיינע פייערן . . .

רופסט מיך מיט דיינע פייערן,
און מיט אויגן געשלאָסענע
שפּאַן איך נאָך דיין רוף
צו דיר...

נר תמיד . . .

כ'האָב אָנגעצונדן אַ נר תמיד
פאַר זיין גורל...
זאָל ער גלימערן מיט פּיין
אין דיין פאַרלאָשענער וועלט אַריין...

ווען בלעטער פאַלן

איך בין רייך . . .

כ׳שנייד-אוים בייגאַכט דעם הימלס פינקלדיקע שטערן אַן א פלעק,
און פלעכט פון זיי צירונג שיינע און שענק זיי אייך אוועק.

נישט כ׳דערוואַרט פון אייך צו קריגן פאַר דעם כאַטש א דאַנק —
איך גיב אייך אוצרות פריי, וואָס כ׳האָב פון גאָט באַקומען א געשאַנק.

רייך בין איך. דעם הימלס אוצרות קען איך קריגן ווען איך וויל,
ווען מיין נשמה גיט זיך אין מיר מיט לידער א צעשפּיל...

י. ה. ראַדאָשיצקי

ווען בלעטער פאַלן...

יולי־טעג. די הימלען זיינען בלוי און קלאָר און זיי שטראַלן.
די עפּל און די בארן רייפן שוין, עס הענגען שווער די צווייגן.
די פעלדער זיינען רייך מיט קאָרן־בייטן. ס'ליכטיקן די סטויגן;
דאָך זע איך שוין דעם סימן הארבסט: גרינע בלעטער פוילן, פאַלן...

כ'הויב־אויף אַ בלאַט. ער אָטעמט נאָך מיט בוים צווישן מיינע פינגער.
איך פיל אין אים די זון, דעם זומער־ווינט, דאָס פייכטקייט פון די טויען;
פון זיין גרינקייט ליכטיקט נאָך דאָס פריע מאָרגן־בלויען
און דאָס געזאַנג פון טשאַטעס פייגל — גאָטס שוועבנדיקע זינגער.

עס פאַלן בלעטער פאַר דער צייט, ווערן ווילד פון ווינט אַראָפּגעשניטן —
ווען ביימער זיינען נאָך מיט פירות רייפנדיקע, פון דער זון באַצירט
און ס'ליכטיקט נאָך דאָס גאָלד אויף זיי, בלענדיקט און קאָלירט — —
...בלעטער פאַלן פון די ביימער, ווערן ווילד פון ווינט פאַרשניטן...

לעצטער אַקאָרד . . .

וועז מיינע ביינער וועלן שוין רוען
אין קאַלטן וויגל פון דער ערד,
וועט אויפגיין נאָך אַ געזאַנג פון מיין האַרץ
און מיט מיין לעצטן צער־אַקאָרד
אַריינשוועבן אין דער נאַכט־שטילקייט.
צו די הימלען אַרויף.

אַ תפילה

אָן גלויבן איז מיין האַרץ, נאַקעט, אויסגעהוילט,
מיין תפילה־טעמפּל אַלט, צעקוילט,
און האַלט שוין ביים פאַרזינקען...

אויב דו ביסט דאָ? צינדט אָן מיין אָרים האַרץ
מיט נייע גלויבנס־פונקען.

דערלייז מיין זעל פון שטרויכלענדיקע וועגן,
וואָס ציען זיך מדבּרדיק פול מיט שטויבן —
— דערוועק מיין האַרץ מיט יונגן גלויבן.

אַז ביסט געווען, ביסט דאָ, וועסט זיין.
— באַווייז דיין נס, דערפריי מיך מיט דיין רחמים־שיין!

***

...מיין פריינט, דו ווילסט איך זאָל אין וואָרט
מאָלן דיר דאָס בילד פון לעבן מיינעם?

— איך האָב מיין גוף געהאַלטן ריין און לויטער,
ווי מען האַלט אַן ארון קודש...

נישט פסול איז מיין האַרץ און מיין נשמה —
אָן פּגם און פלעק, ווי ס׳איז אַ ספר תורה...

יעדער טאָג און יעדער שעה געצונדן זיך,
ווי מיין מאַמע פלעגט אויף שבת צינדן איר מנורה...

מיין שכר — פולע בעכער פיין,
און טראָפּנס פרייד, ווי קידוש־ווייַן,
און נאָך מער צער און טרערן...

און ווייטער? גלויב מיר, פריינט,
— עס לוינט זיך נישט צו הערן.

מיר איז אַזוי באַשערט...

ליד, מיין ליד, מיר איז אַזוי באַשערט —
דו זאָלסט מיין יורש זיין, מיין נאָמען ארבן.
ווען דער טאָג וועט איבער מיר אָפּשטאַרבן,
און פאַרדעקן וועט מיין גוף די קאַלטע ערד.

עס וועט קיין יורש דאָ נאָך מיר נישט בלייבן,
וואָס זאָל דעם קיום פון מיין ניגון ווייטער טראָגן.
ביי מיין קבר וועט דער ווינט נאָר קדיש זאָגן,
אויף דעם קאַלטן שטיין, מיין נאָמען שרייבן...

נאָר דו, מיין ליד, דו ביסט מיין לעבנס־שורש,
דיר איז באַשערט צו זיין מיין נאָמענס יורש...

מיר איז אומעטיק!

גאָט! מיר איז אומעטיק. ס׳איז שקיעה־צייט.
די זון פאַרגייט, דער מערב־זוים ברענט.
איך שטיי אין פעלד, — אַ זייל פון צער,
מיין פּנים איז צו דער שקיעה געווענדט.
די רויטע שטראַלן לעשן זיך אין טאָל,
— אפשר זע איך [redacted] צום לעצטן מאָל?...

גאָט! איך זע דאָך און איך פיל:
שוין לעשן זיך די הימלען אוים, גרוי פאַרקלערט.
אַלץ אַרום שלאָפט־איין שוין אויף דער ערד,
אַלץ בלייבט שטיל —
— מיר איז אַזוי אומעטיק, מיין גאָט!

טויט

איך הער, ער גייט שוין נאָך, נאָך מיינע טריט. פון צייט צו צייט,
ער שפּאַנט שוין אונטער מיר, מיט ווייכע שפּרייזן, שטאַר און בלינד.
און פליסטערט מיר אין אויער שטיל מיטן רויש פון ווינט:
— יצחק-צבי, דיין וועג ווערט קורץ! מיט יעדן טאָג, זיי גרייט!

און כאָטש דיין האַרץ איז ריין פון זינד, ריין און קינדיש גוט,
איז אויך אויף דיר, ווי אויף „יצחקן", גאָטס גזר באַשערט.
אַז אויף דיין גוף, מוז צו דער צייט, אומקערן זיך צו דער ערד,
דיין האַרץ וועט בלייבן שטיין, אויף אייביק אָפּגערוט...

...איך הער דיין ניגונס צער, וואָס יאָמערט אין דיר שטיל:
— ווער וועט דאָ צו דער זון די לידער זינגען יעדן אינדערפרי?
און עפענען זיין זעל צו דעם זון-פאַרגאַנג און צו דעם שטערן-גלי,
זיך פרייען מיט יעדן פויגל-טרעל און וויטיקן מיט דעם קרעכץ פון גריל?

...איך פיל דיין צער, ווי שווער עס איז דאָס שיידן זיך מיט גאָטס פראַכט,
ווען אַלץ ווערט גרין און יעדער בוים הילט איין זיך אין אַ לעבנס-צוויט.
ווען זאַנגען רייפן גאָלדענע, און וויגן זיך און נייגן זיך נאָך פאַרן שניט —
און דער גוף מוז נידערן אין טאָלן פון אַן אייביק-שוואַרצער נאַכט...

— זיי רואיק נאָר: דיר וועקט די זון נאָך יעדן טאָג. דיין פאַרמעג,
אויף דיינע שויבן שטראַלט דאָס ליכט מיט בינטן גאָלד, נאָך העל!
נישט ליידיק איז דיין וועלט! עס שוועבט אין איר דיין דיכטער-זעל!
דו האָסט נאָך טעג אַ סך צו שפּרייזן אין דיין לעבנס-וועג...

נישט וועקט!

נישט וועקן זאָלט איר אים פון זיין לעצטן שוואַנען־חלום,
ווען זיין נשמה שוועבן וועט אין די הויכע, בלויע רוימען.
עס ליכטיקט זיך אַ נייע וועלט פאַר אים, אין זיין לעצטן טרוימען,
און ס׳זינגט אַ כאָר מיט אים זיין ליד פון רו און שלום.

נישט וועקן זאָלט איר אים, דעם מידן וואַנדערער אין זיין רוען,
אויף זיין לאַנגן דערנער־וועג, געטראָגן האָט ער שווערעליידן.
און לאַנג האָט ער געוואַרט, פון וויסטן יאָמער־טאָל זיך אָפּצושיידן —
... זיין לעבן איז דאָ געווען נאָר אַ מאַטערניש און מיען...

איצט האָט די צייט שוין פון אים די לאַסט אַראָפּגענומען.
זיין גוף איז לייכט, מיט בלויע, דינע פליגל, ווייט צו שוועבן.
אָ, שטערט אים נישט זיין נייע וועלט אין חלום־שעה צו וועבן,
דעם ים פון צער איז זיין גוף שוין דורכגעשוואומען...

— האַלט־איין דעם קרעכץ, נישט וועקט אים! זיין דרימל נישט צו שטערן.
איצט שוועבט מיט אים, געלייטערט זיין נשמה אין אַ חלום...
אונטער אים, שטיל זינגט אַ כאָר דאָס ליד פון רו און שלום,
און איבער אים, הויך צינדן זיך מיליאָנען נייע שטערן!...

י. ה. ראַדאָשיצקי

חלום

די צייט איז נאָר אַ חלום, וואָס זאַמלט אויף די יאָרן.
עס טראָגן זיך די טעג, די זון גייט-אויף און אונטער.
דער פרילינג בליט, דער זומער רייפט, עס קומט דער האַרבסט,
און אַלץ וואָס האָט מיט פרייד געשפּראָצט, דעקט צו דער ווינטער.

איך שפּאַן אין פעלד, דער טאָג איז טריב, אַלץ נעמט וועלקן.
אַן אומעט שפּרייט זיך איבער לאַנקעס אוים, ווינטלעך בלאָזן.
דיביימער האָבן שוין דאָס בלעטער-גאָלד פאַרלוירן.
די פייגל זיינען שוין אַוועק. די נעסטן — פּוסט, פאַרלאָזן.

די הימלען מאַט און גרוי, און שווערע וואָלקנס יאָגן.
אַ טויטע שטילקייט זע איך אויף די פעלדער ליגן.
אָ, חלום שיינער! דיין פּראַכט האָט זיך פאַרלאָשן,
איצט שפּאַן איך מיטן האַרבסט און כ'הער דיין טרויער-ניגון.

אַ וויזיע

עס טויכט אַ וויזיע אויף פאַר מיינע אויגן אין דער נאַכט:
די זון גייט־אויף איבער מיר, מיט איר וואונדער־פּראַכט.
אַ פאַרבנרייכע לאַנדשאַפט ליכטיקט פאַר מיין בליק:
אַ רעגנבויגן ציטערט צו דער ערד און ווערט מיין בריק.

דער הימל איז אַ האַרף, מיט סטרונעס גאָלד, צעבלענדט,
און אויף די סטרונעס ציטערן צוויי ווייסע, צאַרטע הענט.
עס זינגט אַ בלויער פויגל איבער מיר און פליט,
איך וויל אים כאַפּן, צינדט ער אָן זיך פאַרביק און ער גליט.

— פויגל בלויער — כ׳מוז דיך כאַפּן, ביסט מיין שיינער טרוים!
נאָר ער פלאַטערט העכער, העכער, און פאַרשווינדט אין רוים.

דו קומסט

דו קומסט, אין מיין טרוים, דיין ליבשאַפט צו דערמאָנען.
אין דיין בליענדיקער יוגנט זע איך דיך דערשיינען.
דו גלעטסט מיין פנים צאַרט: מיר וועלן זיך באַלד פאַראייניגן,
פאַר אונז איז אַ צווייטע וועלט אַ ליכטיקע פאַראַנען!

אין דיין יונג-פרוי-ציר זע איך דיך אין אַ בלויען שלייער,
ווי וואונדערלעך עס דערשיינט פאַר מיר דיין שיין געשטאַלט:
פון דיין גוף בלענדט אַ ריינע ליכטיקייט, בלוי צעשטראַלט,
און צינדט מיין האַרץ אָן מיט דיין געטלעך-ריינעם פייער.

אין מיין איינזאַמקייט ברענגסטו טרייסט, צו שטילן מיינע ליידן.
איך ווייס, דיין ליבשאַפט וואַכט איבער מיר, פון קלאָרע הייכן,
וואו זעל מיט זעל וועלן ווידער זיך אַמאָל דערגרייכן —
די וואָס האָבן זיך געליבט קאָן דער טויט נישט שיידן...

דו גיסט זיך אַ צעשטראַל העל, אַ גייסט פון ליכט-געוועבן —
ווי אַ בלויען שטערן זע איך דיך צו די הימלען שוועבן.

איך צויבער דיך אַרויס

דיין שאָטן זע איך וואַנדלען טריב אויף שטילע וועגן,
אַ זילבער־שלייער הילט אַרום דיך קלאָר.
איך צויבער דיך אַרויס פון דיין שטילער וואָר —
קומסטו ווי אַ טרוים צו מיר, מיין וואונטש אַקעגן.

אין אַ טומאַן טויכסטו אויף, פון אונטער מאַרמאָר־גראַטן,
און שפּאַנסט דורך בלויע פעלדער, קלאָר און קאַלט,
מאַט, פון אַ זילבער־טיול באַשטראַלט,
דו באַוויַיזט זיך נאָר פאַר מיר ווי אַ בלויער שאָטן.

דו קומסט און שוועבסט אַוועק, איך קאָן דיך נישט דערגרייכן,
איך יאָג דיין שאָטן נאָך מיט אומעטיקע טריט:
איך צי די הענט אוים צו אַ בוים מיט ווייסן צווייט;
און פון דיין בלויען גייסט בלייבט נישט מער קיין צייכן.

איך צויבער דיך אַרויס אויף מיין טרוימען־בריק —
גיסט אַ בליץ, און קערסט דיך אום צו דיין רו צוריק...

דער לעצטער שטראַל

דורך ווינט און שטורעם האָט מיין לעבן זיך אַדורכגעשניטן,
אויף יעדן מיילן-שטיין — איינגעקריצט מיט בלוט אַ צייכן:
אין מיין וואָגל, געגאַרט האָב איך אַביסל גליק דערגרייכן,
נאָר צער האָט מיך באַגלייט און ס'האָט מיין האַרץ געליטן.

אויף מיינע אַקסלען האָב איך שטום דעם גורלס קלעפּ געטראָגן.
אַ טרייסט געזוכט, אין שטילע רעגן-נעכט, מיט טרערן.
דער הימל מיטגעצערט, מיט מיין לאַמענט די שטערן,
און דער בלייכער מאָרגן, ווען עס הויבט שוין אָן צו טאָגן.

און אַזוי זיינען יאָרן, פול מיט פּיין איבער מיר געלאָפן,
ווי וואָלקן-כמאַרעס יאָגן אין דעם הימל צו די ווייטן.
איצט ווערן מיד שוין מיינע טריט, שווערע, ווי מיט קייטן.
און ס'לעשט זיך אוים דער לעצטער שטראַל פון מיין האָפן...

שפיגל...

איך שטיי ביים שפיגל און קוק אויף מיין איך, וואָס איז דאָרטן:
פון יענע מילדע אויגן לייכט אַרוים מיין טרויער.
איך קוק אויף אים, און ער אויף מיר מיט באַדויער.
ווי איך, ער איז מיין פלייש און בלוט, אין מיר געראָטן.

זיין קאָפּ, ווי מיינער, פול מיט לייד איז, מיט ליכט און מיט געוויסן.
זיין נאָז, יידיש־גריכיש שאַרף, פּונקט ווי מיינע.
דאָס פּנים, אויסגעצויגן, צאַרט און בלייך, אַזוי ווי היינעס,
קליין דאָס מויל — און די ליפּן גליען, גרייטע פרויען־הענט צו קושן...

איך קוק אויף אים און פיל: ער טראָגט אויך מיינעליידן,
מיין צער און פרייד, די יאָרן טרוימען און באַגערן...
וויין איך אין מיין איינזאַמקייט, ווישט ער אויך די טרערן.
אַך! ווי שווער ס'וועט זיין אַמאָל אונז ביידן זיך צו שיידן.

שאָטן מיינער, לעבנס־חבר, דער וועג אַהין ווערט קלענער —
אין מערב לעשט זיך שוין די זון פון אונזער וועלט, דער שיינער...

ווען טראָגן וועט מען דיך אין דער מיטה

ווען טראָגן וועט מען דיך אין דער מיטה, צו מיין קבר,
וואו ליגן וועט מיין גוף דאָרט אין זיין רו —
וועט מיין גייסט דערוואַכן און מיין האַרץ דערפילן:
אַז דו, מיין קינד, ווערסט איינגעזאַמלט נעבן מיינע ביינער, דאָ.

און ליגן וועט דיין גוף, יונג-פאַרוועלקטער, נעבן מיינעם,
אָפּגעטיילט נאָר פון אַ דינעם, פייכטן ווענטל-זאַמד
און דערציילן וועט דאָס בערגל ערד פון דיין גורל:
דאָ רוט אַ טרוים פאַרלאָשענער, אויף אַש צעפלאַמט...

און ווען דער ערשטער, שווערער רידל זאַמד וועט פאַלן
אויף דיין שוואַרצן קאַסטן, האַרט און שווער,
הערן וועסטו ווי מיין פאָטער-האַרץ וועט קדיש זאָגן
נאָך דיין יונג-פאַרוועלקטן לעבן, מיט אַ טרער...

משל

צו ליידן איז דער מענטש באַשאַפן ביז ער שטאַרבט.
די רויז בליט־אויף מיט פאַרבן, רייפט און דאַרבט.

דער בוים שטרעקט צום הימל אויס די צווייגן, הויך אַרויף.
די זון צינדט אָן דעם טאָג און לעשט אים אויס צום סוף.

די ערד באַוועגט זיך אייביק און איבער איר דער רוים.
דו זעסט דעם פויגל שוועבן ? — עס איז אַ טרוים.

עס האָט דער בורא אונזער וועלטל אויסגעדאַכט :
דיין לעבן זאָל אַ חלום זיין, ביז ס׳דעקט דיך צו די נאַכט ! . . .

י. ה. ראַדאָשיצקי

שקיעה

די שקיעה-שעה ווערט רייף, דער מערב גליט מיט רויטע שטרייפן.
דער טייך שטראָמט קלאָר, די ווערבעס טובלען זיך אין וואַסער-שפיגל ;
די כוואַליעס לויפן שטיל. עס פלאַמט די זון ווי אַ פייער-זיגל,
און שפיגלט זיך אין טייך, און שפרייט אַ שקיעה-ליכט אויף פעלדער.

די ביימער, ביי די ברעגן, גלאַנצן גרינע אינעם וואַסער.
ס'איז שטיל. דעם לעצטן פויגל-שוועב קענסטו אין דער שטילקייט הערן.
דער אָוונט שפרייט שוין דעמער-פליגל אויס, ס'צינדן זיך די שטערן.
די פייער-פליגן פלאַטערן אין גראָז, צינדן זיך און לעשן.

דער וואַלד, אויפן באַרג, ווערט טונקעלער, די צווייגן מאַטער.
אַ שלייער הילט אַרום פיאָלעט, די גרינע שפיצן.
דעם גראַנאַט-הימל שניידן פלוצלינג דורך העלע בליצן.

עס נידערט שטיל די נאַכט אַראָפּ אין טאָל מיט בלויע פליגל.

עס נידערט שטיל די נאַכט אַראָפּ אין טאָל מיט בלויע פליגל.
אין הימל קלאָרט אַ פּנים-אויף און ליכטיקט בלאַס פון וואַסער-שפיגל.

אַמאָל...

וועז מיין טויטער גוף וועט שוין רוען אין דער ערד,
און צוקאָפּנס, אויף אַ פּראָסטן, גרויען שטיין,
געקריצט אין יידיש, וועט מיין טויטער נאָמען זיין,
ווי ער וואָלט אויך די טויטע שטילקייט באַגערט — — —

וועט דורכגיין ווען אַמאָל אַזוי אַ איד, אַ תם,
וואָס וועט נישט קענען מער קיין אידיש לייענען,
און טראַכטן יענקיש: אַ גרינהאָרן מן הסתם
ליגט דאָ איינגעזאַמלט אין דער ערד,
אַזאַ, פון די מיט די לאַנגע בערד — — —

— וועל איך אין קבר מיינעם וויינען, וויינען...

נאָר די זון, ווי מיט דינעם גאָלד וועט לייכטן מילד,
און שטראַלן אויפן שטיין מיט אַ געבעט,
אַ ווינטל פליסטערן, ווי עס וואָלט גערעדט:
דאָ ליגט אַ אידישער פּאָעט,
וואָס האָט יעדנס צער אין זיין האַרץ געפילט
און מיט זיין יידיש ליד זיי איינגעשטילט — — —

ביכער פון י. ה. ראַדאָשיצקי:

אין דער שטיל, לידער, לאָדזש, 1909;

די וועלט אין פלאַמען, עפּאָקאַליפּטישע פּאָעמע, פאַרלאַג „געזאַנגען", לאָדזש, 1919;

ראַדאָשיץ, לידער און פּאָעמען, ניו־יאָרק, 1926;

ליד און אומרו, לידער און פּאָעמען, ניו־יאָרק, 1950;

ווען בלעטער פאַלן, לידער, ניו־יאָרק, 1957.

צוזאַמענגעשטעלט און רעדאַקטירט:

כתבים פון חיים קרול, ניו־יאָרק, 1954.